STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03662

TROYMEN UN VIRKLIKHKEYT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג אידיש

[illegible]

ליטעראַרישעס זאַמעלבוך

רעדאַקטירט פון

י. אדלער און י. סלאנים

אַרויסגעבער א. קאַרלין

פרייז - **15 סענט.**

יאַנואר 1909

טרוימען און ווירקליכקייט

(צופעליגע געדאנקען).

ווֹלאָדעק:

מיר האָבען ליעב דעם טרוים, ווייל ער פערוואַנדעלט די וועלט און דאָס לעבען אין אַ פּרעכטיגען גאָרטען, וואָס וואַקסט אין אַנ־אויביגען בליהען.

מיר האָבען ליעב די ווירקליכקייט, ווייל זי איז אַ אָקעאַן, וואָס שוימט מיט זיינע וועלען פון דער פערגאַנגענהייט צו דער צוקונפט. ווייל איהר ברעג איז די אייביגקייט און איהר גרונד — דער תהום.

מיר האָבען ליעב זיי ביידען, ווייל דער ערשטער גיט אונז פליגלען און די צווייטע קראַפט; ווייל דער טרוים ענטפערט אויף דעם, וואָס די ווירקליכקייט פרעגט; ווייל אויב די לעצטע איז די ציגעל און דער ערשטער דער מזבח, זענען דאָך ביידע — דער מקדש, וואָס רופט זיך לעבען.

אונגליקליך און טרייסטלאָז זענען די צייטען, ווען ס'ווערט פאַרברענט דער גאָלדענער בריק, וואָס פעראייניגט זיי ביידע; אונגליקליך און טרייסטלאָז איז דער דור, וואָס צורייסט די אונטייל־באַרע ירושה אויף שטיקלעך און ווער עס נעהמט זיך די ווירקליכקייט, אָבזאָגענדיג זיך פון יעדען טרוים, ווער עס וויל פליהען מיט'ן טרוים אַנטקעגען דער ריכטונג פון די מעכטיגע וואַסערען פונ'ם לעבען.

די ערשטע בלייבען אָהן אַ זונן און פערזינקען אינ'ם זומפּ פון היינט, די צווייטע בלייבען אָהן אַ ערד און ווערען די בינדער פון צופאַל.

נור אין די ביידע צוזאַמענגעשמאָלצען ליעגט די וואונדערבאַרע קראַפט צו מאַכען דאָס לעבען שפּאַנענד און אינטערעסאַנט, נור זיי ביידע, זיינען מיט דעם אַנדערענס הילף, קענען געבאָרען דאָס לוסטיגע לעבענס־און ליידענשאַפטפולעס קינד, וואָס רופט זיך ק ו נ ס ט.

ווייל די קונסט האָט אימער געשטרעבט צו בעשיינען די ווירקליכקייט מיט דעם ליכט פון טרוים און מאַכען דעם טרוים בולט ביז די אילוזיע פון ווירקליכקייט.

ווייל אין דעם איז די היסטאָרישע פערדיענסט פון דער קונסט, וואָס זי האָט פאַר דער מענשהייט דעם הימעל ענטפלעקט און האָט געהאָלפען, אַז דער מענשהייט'ס חלומות זאָלען זיין אַזוי זאַנפטיג, פיעל־פאַרביג און פרוכטבאַר, ווי די ערד.

די שעהנסטע און רייכסטע טרוימער פונ'ם פ א ר נ א ס זענען אויך אימער געווען די פיהלבארסטע און עמפפינדליכסטע פאר דער ווירקליכקייט.

די שטאַרקסטע און מוטיגסטע קינדער פון דער ווירקליכקייט האָבען תמיד געהאַט טרוימען, וואָס האָבען געוואָרפען זייער אָבגלאַנץ אויף יאָהרהונדערטער פאָראויס און האָבען געמאַכט די צוקונפט, נאָהענט און לייבליך.

איך וויל דערום פּרואווען זאָגען איינינע ווערטער וועגען דעם וואָס פאר א ראָלע אַט די ביידע קרעפטיגע מלאכים האָבען געשפּיעלט אין אונזער קולטור־שאַפען פאר די לעצטע פיערציג־פופציג יאָהר און צו מיר זענען פאר דער צייט נעהנטער געוואָרען צו דעם הימעל און דער ערד.

* *

*

די השכלה־בעוועגונג וואָס האָט ארויסגערופען צום ערשטען פרישע און קרעפטיגע טהוער אויפ'ן געביט פון ליטעראַטור נאָך א לאַנגען לעטארגישען שלאָף פון איינינע יאָהר הונדערטען, האָט קיין ט ר ו י ם ניט געהאַט; די האָריזאָנטען, וואָס האָבען זיך פאר איהר און דורך איהר געעפענט, זענען געווען שמאָל און ענג, ווי די זייטען פון א רוסישען לעהרבוך.

קעמפּפענדיג מוטיג און אָהן אויפהער געגען דעם טרוים, וואָס האָט זיין נשמה פערלאָרען — דעם חסידיזם — איז זי אליין געווען פערזונקען אין דער ווירקליכקייט, וואָס האָט איהר בערעכטיגונג פערלאָרען — אין זייער היינט.

די אידעאַלען פון דער השכלה האָבען זיך גייסטליך געענדיגט ביי דער רוסישער גראַמאַטיק און „רוסישע קולטור", עקאָנאָמיש ביי דער פערניכטונג פון דער טשערטא און „מלאכה", פּאָליטיש ביי קליינליכע אָרימענקע „פּראווען."

אָברייסענדיג זיך פון דער פערגאַנגענהייט, האָבען זיי אויך ניט געהאַט קיין צוקונפט און די, וואָס זיי האָבען יע געהאַט, האָט זיך געקענט בעהאַלטען אונטער איין אירופּעאישען אויבערהעמד.

יע, זיי זענען געווען נוצליך און היסטאָריש בערעכטיגט, פאר זייער צייט און זייער דור זענען זיי זאָגאר שעהן געווען, אָבער זיי זענען געוועזן, פאַרשטעהט זיך, געגען זייער אייגענער שולד, עקסטרעם, איינזייטיג און דאָס ערקלעהרט אונז פאר וואָס די ליטעראַטור פון דער השכלה־צייט — אייזיק מאיר דיק, לינעצקי, סמאָלענסקין, גאָרדאָן, ברוידעס און טיילוויז מענדעלי מוכר ספרים — האָבען מעהר טרוימען צערשטערט, איידער גייגע אויסגעוועבט, האָבען מעהר הימלען

Young Social Ed ORG.

צוריסען, איידער נייע איבער אונזערע קעפּ פערצויגען, פאַר וואָס זיי זענען מעהר מאַראַליש און בעלעהרענד געווען, איידער עסטעטיש און בעגייסטערענד, מעהר לעהרער און מלמדים, איידער קינסטלער.

אויסער מענדעלי׳ן, וואָס איז דאָך געווען צו נאָהענט צום לעבען פון פאָלק און צו גרויסער טאַלאַנט, אום צו פעראַכטען יעדען גרויסען שעֶנעם אידעאַל, זענען די אַלע איבעריגע געווען מעהר בייזע פאַסטוכער, איידער פריינד און געליעבטע.

און דאָך האָט אויך ער אָפט דאָס פענזיל פון אַ מאַלער אויף דאָס טייטיל פון אַ דרדקי־מלמד פערביטען.

דער ערשטער, וואָס האָט אין דאָס אונהיימליך הויז פון אונזער קונסט, די לאַמטערן פון טרוים און זאַפטיגער ליידענשאַפט אריינ־געטראָגען, איז געווען פּרץ. „מאַניש“ פאַר זיין צייט איז געווען איבערראַשענד, אַפילו אונפערשטענדליך.

פּרץ האָט דער ערשטער געפּרואווט צובינדען זיך מיט די שטראַהלענדע פעדים פון שאַפען צו דער פאָלקס־פערגאַנגענהייט, ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געוואָלט מיט זיין שאַפען בריינגען ניט נור נוצען, אָבער אויך הויכען פערגעניגען, ער, דער ערשטער, האָט אויך געפּרואווט אריינצוקוקען טיעף אין די נשמה פונ׳ם פאָלק און האָט דאָרט דערזעהן ניט נור גע׳פּגר׳טע הויקערס פון אַלטע טראַדיציעס און אָבגעלעבטע געפּיהלען, נור אַ רייכע שעהנע וועלט, וואָס שפּיעלט מיט אַלע פאַרבען פון דעם רעגענבויגען.

פּרץ און נאָך איהם פּינסקי, ליעסין, רייזען, מ. ראָזענפעלד און אַנדערע האָבען אָנגעהויבען ניט נור צו לערנען, נור אויך טרוימען אפּעליערען ניט נור צו אונזער קאָפּ נור אויך צו אונזער האַרץ...

פּרץ און די, וואָס ער האָט אַרויסגערופען זענען געוואָרען די ערשטע, וואָס זענען ענטשיידען און זיכער אריין אין דעם הייליגען טעמפּעל.....

און נאָכדעם ביז אונזער צייט ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער די צאָהל פון די, און ווענענס האַרץ ס׳ברענט דער גיריגער אונזעטיגער פייער פון טרוים און ווענענס האַנד עס העלפט צו וואַרפען אויף דער ווירקליכקייט דעם שאָטען פון אייביגקייט....

די ברייטע דעמאָקראַטישע בעוועגונג פון דעם סוף פונ׳ם פאָריגען און אָנפאַנג פון היינטיגען יאָהר הונדערט האָט פערמעגליכט דאָס אַרויסטרעטען פון שלום אש, אָט דעם נאַאיווען ליידענשאַפטליכען קינד, וואָס האָט גלייך ליעב די ערד און די זון, ביי וועמען די פּראָסטיטוטקעס רעדען מיט דער שפּראַך פון דיכטער און יחזקאל גאָמבינער ווערט אַ שענער דעמב אין אַ פּראַכטפאָלען אַלטען וואַלד...

די ערד און דער הימעל האָבען ביי אונז גלייכע רעכט בעקומען,

קרעפטיגער און פולער ווערט די ווירקליכקיים, פערליעבטער און אקטיווער דער טרוים.

שלום אש און נאך איהם ווייסבערג, איינהארן, נסתר און ז. וו., דאס זענען קינדער פון דער אמת'ער פריידיגער, אקטיווער קונסט.

*   *

*

איך מוז דאך אנמערקען, אז פאר די לעצטע צייט איז אויך צו זעהן א אונגארמאלעס און אונגעזונדעס שטרעבען פון דעם לעבען און זיין ברויזענדער ווירקליכקייט אין די הימלען, וואו די פוסטקייט און איינזאמקייט איז א געזעץ....

די רוסלענדישע ווירקליכקייט, דער גרויזאמער היינט, האט אבגעשליידערט פיעל געזונדע שטארקע קרעפטען אין די מדבריות פון ניט־היינט און ניט מארגען.

דער מיסטיציזם — די קונסט ארוי'סצושעפען פון יעדער זאך איהר נשמה און מאכען זי פאר א לייכטען, אן אנעמישען געשפענסטער — האט מיט זיינע שווארצע טרוקענע פליגלען בעגייסטערט איינינע פון אונזערע יונגע שרייבער.

דאס גענענשטעלען פון דעם טרוים און דער ווירקליכקייט, איז צוויי פיינדליכע געגענזעצליכע קרעפטען, דאס פערבייטען דעם טרוים מיט אילוזיע און די ווירקליכקייט מיט'ן „היינט" — א שטימונג, וואס וויל ווערען טעארעטיש בעגרינדעט דורך דעם יונגען קריטיקער ש. ניגער, איז איינע פון די ניט בעוואוסטזיניגע, דאך בעדייטענדע קולטורעלע פערברעכען פון אונזער טרויעריגער צייט.

ווייל נור יענער טרוים קען זיין אין אונזער צייט שאפענד און פרוכטבאר, וועמענס אויגען עס זענען מיט וועהמוטה און צארן געווענדעט צו דער ערד.

די גאנצע יונגע אידישע מאדערנע ליטעראטור, וואס איז בכלל געבארען פון און צוליעב דער קונסט, און וואס האט אויסגעפונען די טיעפסטע און פערבארגענסטע טרוימען פונ'ם מענשענס הארץ, טאר זיך ניט לאזען אין די לופטלאזע שטרעבען פון מיסטיציזם און האלבער קבלה.

ווייל די קונסט איז א שטורעם, די קונסט איז א העלישער בראנד אין דער נאכט און איהרע פליגלען דארפען ארומנעהמען דאס גאנצע לעבען און איהרע פייערצונגען דארפען ברענען מיט דער ליידענשאפט און געשפאנטקייט פונ'ם לעבען...

און נאר דאן וועלען מיר קענען מיט שטאלץ און פרייד זאגען: מיר האבען א קונסט! ווען אויף איהר היכל, אויף וועלכען ס'וועט פלאטערן די פאהן פון טרוים, וועט וואַרפען זיין שאטען אויף דאס

גאנצע לעבען, וועלכעס עס וועט וועלען בעזינגען. ווייל איז דען נים קיין טרוים די ערד, דער מענש, א יונג פריש מיידעל, וואס שפאציערט איבער'ן גאס, א בריק, וואס פעראייניגט לאנד מיט לאנד, א ווארט, וואס צינדט אן הערצער מיט א העלישען פלאם ?

איז עס דען נים דער גרעסטער פערגניגען פאר'ן קינסטלער זיך צו וויגען אויף די מעכטיגע וועלען פונ'ם אקעאן און וויסען, אז הינטער דיר און פאר דיר זענען אויביגקייטען?

זאלען די סקעפטיקער אויסלאכען דעם טרוים, זאלען די מיסטיקער שפאטען פון דער ווירקליכקייט — זיי ביידע זענען די פארוסען, וואס טרייבען דער מענשהייט'ס שיף אין דער זונניגער, ליידענשאפטספולער צוקונפט.

ניואָרק,

אברהם רייזען:

ווער ?

געווידמעט אס—ר.

ווער האָט דיר, דו אָרימעס קינד,
דיינע יאָהרען פערשניטען ?
געפיהרט דיך דורך שטורעם און ווינד,
דורך ים און דורך נאַכט
און האָט דיך צום ברעג נים געבראַכט —
און געלאָזט דיך אין מיטען...

און קום איך דיך רעטען אַצינד,
דאָ ווילסטו נים הערען ;
אח, ווער איז דער גליקליכער, קינד,
וואָס איהם זאָל געהערען
דיין פרייד פון אַמאָל
און איצט — דיינע טרערען ?....

ניואָרק,

יצחק קאַצענעלסאָן:

דאָס ווייסע לעבען

(ליעדער און געדאַנקען.)

א.

איך בין אַ אידיש קינד און שאַץ דאָס ווייסע לעבען אויף דער ערד.

אין אַ קיהלע זומער־נאַכט שווימען אַלע ווייטע וועלטען ארויס אויף דעם בלויען הימעל. צווישען גאָלד'נע בלאַנקע שטערען ציטערט איינס, אַ ווייס, אַ זילבערנ'ס — דאָס איז מיין שטערען, אויף יענעם שטערען האָט מיך גאָט געבענשט, אַ ווייסער כשר'ער פאָדען ציעהט פון איהם צו מיר....

אַלע שטערען האָבען אַנדערע פאַרבען, יעדער שטערען שיקט זיין פאַרב אויף דר'ערד. די ערד איז פול מיט פאַרבען ווי דער הימעל מיט די שטערען.

אויף אַ הויכען בארג וועל איך ארויפגעהן אין אַ יום־טוב־טאָג, און וועל אַראָבקוקען פון איהם אויף דר'ערד. שעהן מוז אויסזעהן, ווען אַלע פאַרבען שיטען זיך ארויס פון שטובען אין די גאַסען און וויקלען זיך צוזאַמען, שוואַרץ און ווייס, גרין און בלוי, רויט און געל, — און טאַנצען דעם גרויסען פאַרבענטאַנץ, און זינגען דעם גרויסען פאַרבען־ניגון.

ווען קומט דער גרויסער יום־טוב?

און ס'ציטערען די שטערען איבער זייערע פאַרבען ווי טרייע מאַמעס.

הערט! אין אַ שטערען־נאַכט רופט מיך ארויס, איך וויל זעהן ווי מיין מאַמע ציטערט איבער מיר...

ב.

די מאַמעשי האָט מיר פערצעהלט:

אין אַ לבנה־נאַכט האָב איך דיך געבאָרען... כ'געוו'ענק נאָך. אין בית־מדרש איז דיין עלטער שוועסטער'ל געלאָפען, אָנזאָגען די בשורה. דער טאַטעשי פלעג לערנען אין בית־מדרש... די געטרייע באָבעשי האָט איהר נאָכגעשריען: טאָכטער'ל ס'איז דאָך נאַכט אין דרויסען, נעהם ס'לאַמטערל, האָט דיין שוועסטערל געענטפערט פון דער גאַס: ס'איז ליכטיג.... די טראָטואַר־שטיינער קוקען בלאַס ארויס פון דר'ערד,

...ung Soziat...

און כ׳זעה די שווארצע שפּארעס אין די ווייסע לאָדען ! —

כ׳ווייס נישט... ס׳געדענקט זיך עפּעס מיר פון יענער נאכט, די נאכט פון דיין געבאָרען...

פון טאַטענס חדר שלאָגט עס צוויי, כ׳ליעג און קוק דיר אָן. ביזט געלעגען טיעף אין ווייסען קישען, א שטייף מיילעכ׳ל האָט פון דאָרט ארויסגעקוקט — ניט מעהר, כ׳האָב שטיל פונאנדערגענומען דעם ווייסען קישען — א שווארץ בעוואקסען קעפּיל, דערמאָן איך מיך אָן דער ציגאַנקע.... זי האָט געזאָגט: דאָס קינד וואָס כ׳וועל געבאָרען וועט שווארצער זיין פון קויל.... נאָך מיט א חודש פריהער האָב איך אויסגעהערט פון א ציגאַנצע, דער טאַטעשי האָט נישט געהייסען, ס׳האָט זיך מיר געגלוסט... דורך דער קיך־טהיר איז זי אריין. כ׳ליעג און טראכט: שווארץ ווי קויל וועט זיין מיין קינד... און קוק אויף דיין קעפּיל.... הער איך ווי מ׳דראפּעט אויף דעם ווייסען פענסטער, א ווייסע טויב האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין פענסטער מיט ווייסע אויס־געשפּרייטע פליעגעל — ווייס ווי מילך וועט זיין מיין קינד!...

אַלע זענען דאַן געשלאָפען די באָבעשי האָט זיך נור געבראָכען אויפ׳ן בענקיל, א געטרייע מאַמע איז זי געווען, עס ליעגען נאָך ביי מיר אין דעם קאַמאָד, די ווייסע יאקען, מיט די ווייסע שפּיצען, וואָס זי האָט מיר אויפגענעהט.

אַלע זענען דאַן געשלאָפען, און א טויב האָט זיך געקלאַפּט אין פענסטער. —

ווייס ווי מילך וועט זיין מיין קינד!

ג.

כ׳האָב ליעב די ווייסע שבת־לייכטער פרייטאָג־צו־נאכטס ביי׳ם טיש.

ס׳האָט נאָך קיין פריהמאָרגען נישט געלויכטען — ווי די ווייסע ליכט אום פרייטאָג־צו־נאכטס !

ס׳האָט דער הימעל נישט געהאַט די כרובים, מיט די לייכטע ווייסע פליעגעל ווי ביי אונז, ביים טאַטעשי אין שטוב אום פרייטאָג־צו־נאכטס !

מיר דאכט: אונזערע שוואַרצע שאָטענס פלעגען שבת אויף די ווייסע ווענד נישט קריכען.

דער טאַטעשי פלעגט זאָגען צו דער מאַמעשי: די שכינה רוהט דיר אויף די צעפּלאָשעטע נישט אויפגעקאַמטע האָר, וואָס קוקען דיר ארויס פון אונטער׳ן ווייסען טיכל

די שכינה האָט גערוהט אויף איהר פרומען קאָפּ.

קום שוועסטעריל, קום, ארויס אין גאָס דער טאַטעשי האָט

אבגעבענשט, ער איז אפיר פון טיש און שלאפט שוין אין זיין שטילען חדר, דער טאטעשי שטעהט אויף מיט'ן מארגענשטערן, צום ערשטען מנין. צום ערשטען מנין פאלט דער שיין פון מארגענ שטער'ן אויפ'ן דאך פון בית־המדרש...

קום שוועסטעריל ארוים אין גאס, ס'איז פרייטאג־צו־נאכט'ס אין גאס, ס'איז פול די גאס מיט שבת־פארלעך...

לכה דודי לקראת כלה — ווי געפעלט דיר דאס געזאנג?

ד.

צערייסט, צערייסט דאס ווייסע קישען! צעבלאזט, צעבלאזט די ווייסע לייכטע פעדערען!

מיין עלטערבאבעשי האט זיי אליין געפליקט, די פויערים פון די דערפער האבען די ווייסטע גענז צו איהר געבראכט, זי האט די פעדער'ן נור אבגעפליקט און דעם גענזענפלייש אוועקגעגעבען זיי בחנם.

שעהנע קישען! ווייסע קישען?

איין א י י ד ע ם האט די עלטערבאבע פאר דער טאכטער אויסגעקליעבען, ער האט גע'שמ'ט ביי אידען, גאט האט זיין שטערען אבגעמאסטען מיט זיין הייליגער האנד, און ליניערט די קנייטשען מיט זיינע פינגערשפאלטען.

אויף די ווייסע קישען האט ער זיין קאפ געלעהנט....

ער האט געהאט א זוהן, בלאס ווי דער מלאך וועלכען גאט האט געשיקט ארויסטרייבען אדם־וחוה'ן פון גן־עדן; שטיל ווי א טויב וואס בענקט נאך ווייסערע פליגעל ווי זי האט.

אויף די קישען האט זיין הארץ גערוהט....

צערייסט די קישען!

איך בין דער אייניקעל, און ווענד מיך צו דעם הימעל.

עם זעגען ווייסע וואלקען דא אין הימעל. קליינע וואלקען־ווייס — ווי מארמאלשטיין און לייכט ווי רויך. אז גאט פארגעסט א מאהל אן איינעם פון די קרובים צו בענשען זיינע פליגעל און מאכען איהם אנ'ארט נעבען זיינע פים, שוועבט ער צו די וואלקען, לעגט אויף זיי זיין קאפ. און וויינט אויף זיי זיין אונגליק אוים....

וואו נעהם איך פליגעל?... מיינע ווייסע קישען וואלטען מיר פארביטען די מארמאלווייסע וואלקען!...

ה.

אז כ'וועל א מאהל אהיים קומען, צוריק צו מיר אין שטאדט, אין מיין עלטערען'ס הויז וואו אלע קענען מיר וועל איך זוכען פ ר ע מ ד ע, אבווארטען זיי ביי אונזערע שאסעען, ברענגען זיי אין טאטענס הויז

און תמיד צו זיי לאַכען, ריידען אויף זייער לשון, פון זייער לאַנד, פון זייערע פעגעל און בלומען.

טרויעריג איז אַ פרעמדען.

איהר קאָנט מיין לשון? ער האָט נור ליעדער און געזאַנגען!

האָט איהר געהערט פון מיינע פעגעל? וויים ווי טויבען זענען זיי, און פליהען הויך ווי אָדלער, און דערזעהען זיי מיך — פליעהען זיי פון אַזש די וואָלקען, שטעלען זיך מיר אויפ'ן אַקסעל, און קלאַפּען פרעהליך מיט די פליגעל.

מיינע בלומען — ווי געפּאַלבטע זונען שפּראָצען זיי אַרוים פון דר'ערד, ווי קינדער־קעפּעלאַך — אַזוי פאַלען זיי מיר אין די הענד, און בליהען אויף מיין האַרץ.

ווער וועט מיר זינגען אויף מיין לשון? ווער וועט דערמאָנען מיינע פעגעל? ווער ערצעהלט פון מיינע בלומען אין דער פרעמד? ...

אז כ'וועל אַ מאָהל אַ היים קומען. —

ו.

איך בענק פאַרנאַכט ווען כ'ליעג ביי'ם ברעג פון טייך.

עס ציעהט זיך ווייט דער טייך. דאָס וואַסער שווייגט, ווען ס'גלאַט־קלאַר וואַסער זאָל ניט קאַלט און נאַס זיין, וואָלט איך אַנ'אויער צו־געלעגט צום וואַסער, און אויסגעהערט די מעשות וואָס שווימען דאָרט אַרום.

דאָס שטומע וואַסער! אַז כ'וואַרף אַריין אַ שטיינדיל, אַרויסרופען אַ מעשה'לע פון דאָרט, מורמעלט עס, צעלאָזט עס רויפען איבער זיך, פערצווימט דעם וועג פאַר דעם וואָס וויל פון וואַסער שפּרינגען.

„ביי בבל'ס טייכען זענען זיי געזעסען און געוויינט“.

אין שטילע וואַסערען זענען זייערע טרעהרען אַריינגעפאַלען, די שטילע וואַסערען האָבען פערנומען זייער געוויין, די שטילע וואַסערען האָבען פערשלונגען זייערע טרויעריגע געזאַנגען.

פון איין טייך אין אַנדערען פליסט דאָס קלאָרע וואַסער; פון איין טייך אין אַנדערען שווימען אום די פיש; עס בייטען זיך די טייכען מיט אַל־זייער־גוטס...

איך בענק פאַרנאַכט ווען כ'זיץ ביי'ם ברעג פון טייך.

ווער וויים אויב ס'שווימט ניט אין דעם וואַסער, דאָס אַמאָליגע געוויין, וואָס בבל'ס טייכען האָבען פערשלונגען?

דאָס שטומע וואַסער! אַז כ'וואַרף אַריין אַ שטיינדעל, מורמעלט עס, פערוואַרפט עס רויפען....

ז.

איך בענק פאַרנאַכט ווען כ׳שטעה אין פעלד.

ס׳פליהט שוין נישט דאָס וויס־קליין זומער־פעגעלע פאַר מיינע אויגען . . . וואו איז דאָס ווייסע זומער־פעגעלע? האָט זי זיך בעהאַלטען אין דעם קאָרן, און מאָרגען פריה וועט זי ווייטער אַזוי פרעהליך פליהען? אָדער האָט דאָס קיהלע ווינטעל צעלאָזט איהרע ווייסע לייכטע פליגעלעך, איינס אין צפון, איינס אין דרום, און דאָס קליינע קערפּערל איז טויט געפאַלען אויף אַ זאַנג? די זון פאַרגעהט, — ווער האָט דעם מעריב־זייט אַזוי רויט געפאַרבט? פערגאַנגען איז די זון — ווער האָט די ווייסע וואָלקען אַזוי רויט געפאַרבט? . . . .

פערגאַנגען איז די זון... אַז ירושלים האָט געברענט זענען אַלע שטעדט פון ארץ־ישראל רויט געווען אין צייט פון שקיעת־החמה איז עס געווען, און דאָס בילד פון מזרח האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין דעם מעריב הימעל. . . .

איך בענק פאַרנאַכט ווען כ׳שטעה אין פעלד.

ח.

זומער־לעב.

איך האָב די פאַרטקע אויפגעעפענט און פריי־געלאָזט די טויב.

אַז איך האָב מיך ווינטער פאַרשפּאַרט אין ענגען צימער, האָב איך מיך געפרעגט: ווי וועל איך וויסען ווען ווערט זומער אויף דער וועלט?

בין איך אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן מאַרק, געקויפט אַ יונגע ווייסע טויב, אַ גאַנצען ווינטער איז זי אומגעפלויגען אין מיין חדר. האָט געפלאַטערט אַרום דער קליינער סטעליע, ווי עס וואָלט געווען אַ קליינער הימעל, האָט געגעכטיגט מיר צוקאָפּענס ווי עס וואָלט אַ צווייג געווען.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין איין פריהמאָרגען: דאָס ווייסע טייבעל דראַפּעט זיך און רייסט זיך אויף די פענסטער־שויבען.

ס׳איז געוואָרען זומער אויף דער וועלט!

איך האָב די טויב אַרויסגעלאָזען.

אויך נח האָט די טויב אַרויסגעלאָזען פון דער תבה וויל זי האָט זיך דורך דאָס פענסטערל געריסען...

איך זיץ און וואַרט, באַלד וועט מיין טייבעל קומען, אַנ׳עהל־בלאַט וועט איהר שטעקען אין דעם מויל . . . .

געקומען איז די ווייסע טויב, אַנ׳עהל־בלאַט האָט זי אין דאָס מיילעכל נישט געהאַט, נור אַ טויט צעביסען זומער־פעגעלע....

אויף דאָס ווייסע לעבען איז אַ פלעק געפאַלען.

איך האָב די טויב פערשאָלטען:
שווארץ זאָלען דיינע פליגעל ווערען, ווי די פליגעל פון א קראָה!...

ט.

דו ווייסט ווען בלומען ריידען?
ווען עס וואקסען בלומען אויס אין א בעהאָלטענעם אָרט, וואו עס פערבלאָנדזעט נישט דאָס קיהלע ווינטעל, און עס גלעט זיי נישט; וואו ס'געפינט זיי נישט קיין האנד און פליקט זיי נישט, דאן הויבען אָן די בלומען ריידען...
ווייסט ווען בלומען עפענען זייערע בעכער־בלעטעלעך? ווען דער זיסער זאפט ווערט פול און וויל שוין רינען, ווען די שטארקע ריחות ווילען זיך צעשפרייטען אין דער לופט — דאן עפענען בלומען זייערע בעכער־בלעטעלעך.
איך בין ווי בלומען שטיל, און רעד ווי בלומען, און ווען עס טריפט דער זאפט ארויס פון בלומען, דאן עפענט זיך מיין הארץ.

י.

ווען קליינע ווייסע וואָלקען שרעקען זיך ניט פאר דער רויטער זון, און שווימען איהר ענטקעגען, זאָלט איהר ווייסע זומער־פעגעלעך נישט פליהען פון דאָס יונגע טייבעלע.
ווען דאָס ווינטעל וועהט און די צווייג פערליערט, קיין גרינעם בלאַט, ענטלויף פון מיר ניט ווייסע מיידעל!
גאָט שטעהט צווישען אַלעם און פיהרט צום גוטען...

יא.

איך האָב דיך ליעב, ווילסט זיין מיין כלה?
איך וועל דיך ברענגען אין מיין טאטענס הויז, מיין מאמע וועט דיך נעהען א ווייסע חופה־קלייד, און א ווייסען שלייער. וועסט עס אָנטהון אין דער חתונה־נאכט, דיין בעדעקענס־שטוהל וועט שטעהן הויך צווישען ווייסע בלומען און צווישען חבר־טעס. וועסט זיך מיט זיי קושען דורך דעם שלייער, איך וועל דיר דעם ווייסען שלייער אויפ־דעקען, און וועל דיר קושען אויף די ליפען — ווילסט זיין מיין כלה?....

יב.

די נאכט איז שעהן!
אין אַזעלכע נעכט שלאָפען אויין די פעגעל, און זינגען פון'ם שלאָף.

אין אזעלכע נעכט ווארפען זיך אראב פיעל שטערען אויף דער ערד, און פיעל נשמות הויבען זיך אויף.

אין אזעלכע נעכט ווערען לעבעדיג אין ימים די דערטרונקענע, און שפּיעלען זיך מיט די שענע פערל אויף דעם אבגרונד.

אין אזעלכע נעכט שטעהען אלע טויטע פון די קברים אויף, און טאנצען אויף די גרין־בעגראזטע בערגלעך, און לאכען אויס דעם מלאך המות...

אין אזעלכע נעכט זעה איך ס'ווייסע לעבען אונבעפלעקט....

י. ענטין:

א אידישער ראמאנטיזם

א.

אונזער אידישע ליטעראטור, ספּעציעל די אמעריקאנישע, איז געגליכען צו א פּערדארטען וועלדעל ערגעץ אין א מדבר־לאנד, ניט געוואשען פון גאט'ס רעגען, ניט געבאדען אינ'ם פרישען מארגען־טהוי, ניט אנגעטרונקען פון קריסטאל־קלארע טייכעלעך. אונזער ליטעראטור איז טרוקען, אהן די רוחניות'דיגע פייכטקייט פון פּאעזי, פאנטאסטיק און א העכערען, איבער־ערדישען סטיל. זי איז א ליטעראטור פון קאלטע, קליינליכע, אפּגעריסענע פאקטען פון דער גרויסער אל־טעגליכקייט. עס פעהלט אין איהר דער סודות'דיג־צופליסטערנדער שארך פון שטילע טריט צווישען אנגעווארפענע וואלד־בלעטער, דער צויבערליכער וויספּערען פון דעם בין־השמשות'דיג שוועבענדיגען צונויפגיסען זיך פון הימעל און ערד, דער פליגעל־גערויש פונ'ם טויט, פאכענדיג איבער'ן לעבען, דער דונקעלער מורמעל פון דער לעגענדע פון דעם ווייטען א מאל און דעם ווייטען לעתיד לבוא, פון פאראיבער־גענגליכקייט אין אייביגקייט.

אין אונזער ליטעראטור פעהלט דער פאלקסטהימליכער טאן. עס פליסט אין איהר ניט דער שטראם פון אבערגלויבען און פאלק־לעהרע. עס פעהלט אין איהר די הײמליכקייט פון דעם ווינטער־אבענד ביים הרובע, דער איינפאכער געזאנג פון דער שפּינערין און פעדערען־פּלי־קערין. עס פעהלען אין איהר די שעפּצענדע קלאנגען פון דער אלטינ־קער באבען, דערצעהלענדיג איהרע מעשות וועגען שדים, מתים און כת־לצנים, די קוים הערבארע, אונפערשטענדליכע, מיט'ן נאפּט־לעמ־פּעל שיין זיך אויסמישענדע ווערטער פון דער עין־הרע אפּשפּרעכערין.

אונזער ליטעראַטור האָט ניט קיין נעכטען. זי האָט ניט קיין וואָרצלען אין דער פערגאַנגענהייט פון׳ם איינפאַכען פאָלק׳ס אַלטען פיהלען און קלעהרען. זי איז אַ יתום־ליטעראַטור, פּלוצלונג געבאָרען, פּלוצלונג אָפּ־געריסען פון ערגעץ. זי איז ווי אַנאַיבערגעפּלאַנצטער בוים, אויסגעריסען מיט ווענינג וואָרצלען און אָהן דעם גראָזיגען ערד־הויפען צווישען די וואָרצלען.

דעריבער רעדט אונזער ליטעראַטור ניט צום האַרצען פון די איינפאַכע שיכטען פון פאָלק. דעריבער איז זי ניט די ליטעראַטור פון אונזערע ווייבער. דעריבער איז זי ניט די ליטעראַטור פון דעם קאַוואַל, דעם לאַפּאַטניק, דעם טרעגער און דעם „אַלטען־מאַרק״ הענדלער.

אונזער ליטעראַטור האָט ניט די פייכטקייט פון אַ ליטעראַטור וואָס איז פילטרירט געוואָרען דורך דעם פאָלקס גלויבען. אונזער ליטעראַטור האָט ניט דעם זאַפט פון אידישער געשיכטע. אונזער ליטעראַטור פעהלט דער צויבער פון רעליגיעזער פּאָעזי, די ערהאַבענהייט פון הימלישעם בעהעפטען זיך, די צו־צויגענע בענקשאַפט פון דבקות, די אַללעגאַריען־פאַרב פון גאָט׳ס ליכטיגען פּנים און זיין דיעמנט־שטעקען, און די היימליכע גוט־ברודערשאַפט פון דעם אַלטינקען בע־שיצער אליהו הנביא. אין אונזער ליטעראַטור הערט זיך ניט דער שלוכ־צען פון די אַלטע פּראַגער און קאָרדאָווער בתי־מדרשים, עס זידט אין איהר ניט דער בלוטיגער שוים פון די אידישע מאַרטירער, עס שטייגען אין איהר ניט אויף די הימעל־גרויסע געשטאַלטען פון די העלדען פון דער שמערצען און מסירת־נפש־רייכער אידישער געשיכטע.

דעריבער איז אונזער ליטעראַטור ניט די ליטעראַטור פון דעם אַלטען, פרומען אידען, ניט די ליטעראַטור פון דעם מלמד, ניט די ליטעראַטור פון דעם וויינער אויף ציון׳ס אלמנה׳שאַפט און דער ניט־אויפגעריכטקייט פונ׳ם הייליגען באַרג.

ב.

אויך די שעפּפער פון די מאָדערנע קריסטליכע ליטעראַטורען זיי־נען ניט קיין גלויביגע. אָבער זיי זענען צוגעבונדען צום אַלטען שטאַם. דורך זייער בעוואוסטזיין ווערט דער זאַפט פון די אַלטע טראַדיציאָנען און פון פאָלקסטהימליכען אהנען. זיי האָרכען די שטימע פון זייער פאָלקס־פערגאַנגענהייט. ביי זייער גאַנצער ראַציאָנאַליטעט און רעאַ־ליזמוס, זויגט זייער נשמה נאָך אַלץ פון דער זעלבער ערד וואָס איז פערהייליגט געוואָרען אין אַלטע פאָלקס־זאַגען, אין לאַנג־געזונגענע אַלט־ווייבער ליעדער און וואונדער־געשיכטען.

קירכען־גלאָקען און באַרג־הימנען ברומען אין איבסען׳ס „בראַנד״, באַרג־גייסטער און טראָללען שפּרינגען און שטיפען אין „פּער גינט״

און אין׳ם „בוי־מייסטער״; די אַלטע לעגענדע פון דער צויבער רייזע אין׳ם הימעל־רייך פערזיסט די אַגאַניע פון פּאַזע׳ס („פּעער גינט״) יציאת־נשמה; איבער דער צום אונטערגאַנג פער׳משפּטער הויז פון ראָסמער („ראָסמערס האלם״) שוועבט דער ווייסער פערד פון טויט.

מיט די אור־אַלטע גנעצענדינערישע פרײדענס־פלאַמען פון דער יאָהאַננעס־נאַכט האָט דער מאָדערנער זודערמאַן בעלויכטען די נשמות פון די העלדען פון זיין „יאָהאַננעספייער״, אין יענע אַלט־גערמאַנישע גלוטהען האָט ער אַנגעצונדען דאָס בלוט פון זיינע היינט־מענשען. פון לאַנג פערקלונגענע אַלט־דייטשע זאַגען וועגען גוטע און שלעכטע וואַלד־גייסטער און מכשפות האָט הויפּטמאַן אויסגעפלאָכטען דעם זילבער־העללען אין רויזיג־רויטען מעלאָדיען־קראַנץ פון דער „פערזונ־קענער גלאָקע״; אין די רעבעלליאַנ׳ס־שטורמענדע „וועבער״ קלינגט אימה׳דיג דער שטורם־גלאָק פון דעם אַלטען שלעזישען דאָרף; אַלט גערמאַנישע פיגורען ערהייבען זיך פאַר אונז אין זייער פולער גרויס; דער אַלטער פאָלקס־טאָן קלינגט אין דער ליעד פון דער „פאַלטער־קאַממער״ און דעם אַלטען אַנזארגע׳ס הויזליכעס גנעבעט ביי די וועב־שטוהלען טראָגט דעם רעוואָלוציאָנער־געזאַנגענעם צושויער אריבער אינ׳ם שטילען, עהרפורכטיג־האַלב־דונקעלען קלויסטעריל.

זאָגאר אין זיינע ראַציאָנאַלע, ניט ניי־ראָמאַנטישע ווערקע לעבען ביי פּשיבישעווסקי׳ן ווידער אויף די אַלטע אונזיכטבאַרע אונבעזיעג־באַרע בעאוגי־גייסטער פון דער פּוילישער מיטהאָלאָגי און דער טהע־אַלאָגישער פאַטאַליזמוס הענגט ווי אַ שווערער וואָלקען איבער זיינע מאָדערנע, פון צווייפעל צוגעסענע מענשען.

אַ דאַנק די אַלט־בעקאַנטע טענער זענען די מאָדערנע קריסט־ליכע ליטעראַטורען ניט פאַר קליינע הייפעלעך, נור פאַר גאַנצע פעל־קער. זאָגאר אין די שוועך־טראַכטענדע באַהן־ברעכענדע ווערקע דער־קענען די פעלקער אָפּט זיך זעלבסט און געפינען זיך ווידער. זיי קע־נען זיך אין זיי לייכט אָריענטירען מיט דער הילף פון די ריחות פון די אַלטע פעך־וועלדער; זיי טרעפען דעם וועג צום דיכטער׳ס גדאנק אָן די אַלטע קענטיגע סימנים.

און דער בריק איבער דער אָפגרונט צווישען דאָס אַלטע און דאָס נייע אין די קריסטליכע ליטעראַטורען איז אויסגעבויט פון די שפּורען פון דעם ראָמאַנטיזמוס. דער שטראָם פון דער ראָמאַנטיק, וואָס האָט מיט אַ פּאָר דורות צוריק געפלאָסען איבער די אייראָפּייאישע ליטעראַ־טור־רינען, האָט אין זיי איבערגעלאָזט זיינע פינקעלנדע פערל־טראָ־פּענס, און זיי וואַרפען דורך זייערע צויבער־קאַליאָרען אין די נייע לי־טעראַטור־שטראָמען. דערפון — דער בלישצענדער, איבער־ערדישער שיין אין די נייע אייראָפּעאישע שריפטען, דערפון — זייער גייסטיגע

פייכטקייט און וואַרימקייט, דערפון — זייער רייץ פיר דער פאָלקס־פאַנטאַזיע.

ג.

אונערמעסליך טיעף, אונערשעפליך פרוכטבאַר איז געווען די השפעה פון׳ם ראָמאַנטיזמוס אויף דעם שעפּפערישען גייסט פון די קריסטליכע פעלקער. דער ראָמאַנטיזמוס האָט אויסגעריסען מיט׳ן וואָר־צעל די קאַלטע, פרעמדע, קינסטליך צוגעפּלאַנצטע פאַלש־קלאַסישע לי־טעראַטורען און אַנשטאַט זי צוריק אויפגעעפענט די פערשלאָסענע צויבער־גערטנער פון די פערצייטיגע היימישע פאָלקס־ליטעראַטורען. ער האָט אויפגעעפענט די פערשלאָסענע קוואַלען פון די פאָלקס־לעגענדען און פאָלקס־זאגען; ער האָט צוריק אויפגעכישופט די פערשטיקטע באַללאַדען און פאָלקס־ליעדער. ער האָט די פאַנטאַזיע פון׳ם דיכטער בעשפּריצט מיט די קוויקענדע וואַסערען פון דעם אור־קוואַל פון׳ם שאַפען פון די נייע פעלקער.

אַלעס וואָס דער מיטעלאַלטער האָט אויסגעוועבט און אויסגע־שפּונען אין די מוחות פון די קריסטליך־באַרבאַרישע פעלקער, האָט דער ראָמאַנטיזמוס אין רויטהען גאָלד און הימעל־בלאָהען תכלית פערוואַנ־דעלט. די גאָטהישע קירכען, מיט זייערע שפּיציגע געוועלבען, דין־גע־שניצטע אללעגארישע קראַנצען, געהיימניספאָלען, מרה־שחורה׳דיג פערטראַכטען האַלב־דונקעל, שאָטענדיגען קערצען־ליכט, פאַנטאַסטיש צושפּונענע וויראַך־וואָלקענס און שווער־בענקענדע אָרגעל־ברומעריי — זיי אַלע האָט דער ראָמאַנטיזמוס אין זיין מיראַזשען־קאַראוואַן איינ־געשפּאַנט. און דעם מאַרטירע׳ס וועה, און דעם נזיר׳ס שלוכצענדע תשובה, און דער נאָנעס ברוימענדע מיסטישע ליעבע און דאָס זשיפּען פון דעם געקרייציגטען׳ס בלוטענדער הארץ האָבען זיך צוזאַמענגעגאָ־סען אין אַ אונטערערדיש־הימלישער קאַטאַקאַמבען־תפלה און זי האָט די אינ׳ם גאָלדענעם־נעבעל ציהענדע פּראָצעסיאָן בעגלייטעט.

און פון די ריטערליכע פאַנצער־און־שפּיזען קעמפּפע און פון די ריטטערליך־העלדישע סיבות און מלחמות מיט באַרבאַרישע סאַראַצע־נער פיר טוגענד און עהרע, און פון זייערע וואַנדערונגען איבער וויס־טע סטעפּען און פערשאָלטענע וועלדער האָט דער ראָמאַנטיזמוס שאַ־לענדע קאַמפּפס־ליעדער געשמיעדט, ליעדער פון עהרען־טויט און מסירת־נפש און פון׳ם געהיימניספאָל־צוואווינקענדען גרויען שטראַנד אויף יענער זייט פון׳ם לעבען. און פון די גייסטער־געשטאַלטען פון׳ם מיטטעל־אַלטער, פון די געשטאַלטען פון הייליגע און פון שטן׳ס לעג־יאָנען, פון מכשפות און וואַלד־פרויען, פון וואונדער־פויגלען און פייער־טייוואָלים, פון בלאָנזענדע פלאַמען, פערוואָגעלטע נשמות און זומפּען־

שטערען האָט דער ראָמאַנטיזמוס זיינע ציטערנד־שוועבענדע פּערל־מוטערנע און אבענד־רויטהע פאַרבען־קראַנצען געפלאָכטען.

און אין דער הייליגער מאַנדאַלענאַ׳ס טרעהרען האָט ער די ליעבע געוואַשען און זי הייליג געמאַכט. די פרוי האָט ער פון איהר טהיעריש־קייט געלייטערט און זי אויפגעהויבען און אוועקגעזעצט ביי דער זייט פון דער גאָטטעס־מוטער. אין דער פרוי׳ס אויגען האָט ער דעם הי־מעל געשפּרייט, אין איהרע זיפצען די הימלישע בענקשאַפט צוגאָסען. הייליג איז געוואָרען די פרוי, געהיימניספאָל און צויבערהאַפט און די ליעבע צו איהר א נאַכטיגאַלען־געזאַנג וואָס ווערט פערצעהרט אין זיין אייגענער זיסקייט. די ליעבע איז געוואָרען געטליך־סודות׳דיג, אונבעפרידיגט און דעריבער א קוואַל פון אונערדישען פּיין און איי־ביגען בענקען און שמאַכטענדע יסורים, זיסער פון געגום.

און מיט א גראַנדיעזען טראַגיזמוס, מיט א שיקזאַלהאַפטער גרויסקייט האָט דער ראָמאַנטיזמוס די ליטעראַטורען בעקליידעט. די אַלטעגליכע טענער האָבען א הויכען וועלט־קלאַנג בעקומען. דעם מענ־שען׳ס טריט האָבען א ריעזען ווירדע אָנגענומען, דעם מענשען׳ס לע־בען איז מיט דעם פאַרבען־רייכען נעבעל פון אייביגע רעטעניסען פער־צויגען געוואָרען, זיין נשמה איז איינגעטונקט געוואָרען אינ׳ם מיס־טישען גלאַנץ פון וועלטען פון א מאָל און פון שפּעטער. די מענשליכע פאַנטאַזיע איז בעפרייט געוואָרען און זי האָט זיך אויסגעשפּרייט פון איין עק וועלט ביז צום צווייטען און האָט געהויערט איבער דעם אָפּ־גרונט פון מענשליכען טרייבען, און פון זיין כאָאָס, אַזוי ווי א מאָל די שכינה פון׳ם תהו ובהו, וואַנדערליכע וויזיאָנען ארויסגעצויבערט.

ד.

צו די אידישע ליטעראַטורען האָט פון׳ם ראָמאַנטיזמוס בלויז א שוואַכער אָפּקלאַנג דערגרייכט. בלויז דער קליין־גייסטיגער וואַלטער־סקאָטטישער ראָמאַנטיזמוס האָט צו אונז פערבלאָנזעט, בלויז דאָס צופעליגע אין איהם, בלויז זיין אויסערליכער רעגען־קלייד. די סמאָ־לענסקין׳ס און די שמר׳ס האָבען פון׳ם ראָמאַנטיזמוס בלויז די ווילדע טרעפונגען, די סיבות, די ווילדע איבערראַשונגען, די מאָראַל פון׳ם שאַבלאָנעם שכר ועונש גענאַשט.

דאָס איז אויך פערשטענדליך. דער ראָמאַנטיזמוס האָט זיין בע־גייסטערונג פון׳ם מיטעל־אַלטער געשעפּט און דער מיטעל־אַלטער איז פאַר אידען בלויז א אייביגקייט פון גרויזאַמע רדיפות געוועזן. גאָט׳ס זוהן איז פאַר זיי א זינדיגער „יוזיל“ געוועזן און די הייליגע מאַריאַ א פערזינדיגטע יונג־פרוי. די גאָטהישע קירכע איז פאַר זיי א „תיפלה“ געוועזן, פאַר די אָרגעל־מעלאָדיען האָט מען זיך געדאַרפט די אויערען

פערשטאָפּען און די קרייץ־ציגע זענען געװען מי טאידיש בלוט בע־שפּריצט.

ה.

אָבער צי איז דען ניט מעגליך געװען אַ אידישען ראָמאַנטיזמוס צו שאַפען? צי האָבען דען די אידישע רעליגיאָן אין די אידישע גע־שיכטע און די אידישע פאָלקס־חלומות ניט אויסגעלייגט אַ ריעזיגען פונדאַמענט פון גייסטיגע אוצרות, אויסצובויען אויף איהם צויבער־שלעסער, הימעל־גרויס, פייער־פאַרביג און פאַנטאַסטיש װי די פאַטאַ־מאָרגאַנאַס פון הימלישע ברעגעס?

נאָך קלינגען און שאַלען אין אונזערע אויערען די אַלט־סעמיטי־שע לעגענדען פון דער ביבעל, די פלאַים־דיגע זאַגען פון דער װעלט־ענטשטעהונג, פון׳ם ערשטען פאַל און דעם אַלטען נחש, פון קין מיט דעם פלוך־צייכען אויף זיין שטערן, פון די צועפּענטע היממעלס־פענס־טער און פון׳ם ערד־קוגעל פערפלייצענדען מבול, פון די מיט שװעבעל און פעך און בליץ פערגאָסענע סדום ועמורה און פון אברהם׳ס לעט־צאַרײשע זעהונגען. פריש און גרין זענען נאָך אין אונזער געדעכטניס די שטיל שעפּצענדע לעגענדען פון שופטים, פון גדעון און זיינע פרופונגען מיט טוי און װאָל. נאָך איצט הערען מיר דעם יאָמער פון דער לעבעדיג־בעגראָבענער יפתח׳ס טאָכטער און די קלאָג־ליעדער פון איהרע חברט׳עס אויף די בערג, פון דעם פירכטערליכען בירגער־קריעג איבער דער פלגש בגבעה, פון שאול׳ס בייזען גייסט און פון דוד׳ס גייסטער־צאַהמענדע פיעדעל, פון שמואל׳ס שלעכטע נבואה פון קבר און פון דער טראַגישער מלחמה אויף די בערג פון גלבוע. נאָך שטעהט פאַר אונז אליהו, זיין פּנים איינגעװיקעלט אין זיין מאַנטעל, הערענדיג מיט שרעק גאָט׳ס קול דממה דקה.

נאָך גליהען אין אונזער זכרון די פלאַמען פון די ברענענדע בתי מקדשים, נאָך באָדען זיך פאַר אונז אין זייער בלוט די עשרה הרוגי מלכות, אויסשרייענדיג מיט זייערע לעצטע כחות דעם שם היחוד, נאָך ציטערען פאַר אונז די ריינע לייבער פון די געפייניגטע ציון׳ס טעכטער.

איז דען שוין פערלאָשען יענער שטילער שאָרך פון די פערזישע און באַבילאָנישע שדים און מתים און גיהנום און גן־עדן געשיכטען, דערצעהלט אין די בין־השמשות׳ן פון די פערצייטיגע ישיבות? און שמייכלען צו אונז שוין מעהר ניט חנ׳עװדיג־זיס די אַלטע אגדתות פון תלמוד און די מדרשים?

איז דען דאָ אַ מאַרטיראָלאָגיע, װאָס זאָל זיין אזױ רייך װי אונ־זער מאַרטיראָלאָגיע? זענען דען די אַמאָליגע גאונים, מקובלים גולמות־בעשאַפער און אויטאָ־דע־פע שפּרינגער װעניגער בעגייסטערנד

ווי די ערשטע קריסטען און הייליגע און קירכען־נזירים? און איז דען די גהעטטא מיט איהרע קרומע ווענט און איינשליסענדע טויערען און איינגעהאלטענעם אטהעם ווענינער פאנטאסטיש ווי די אלטע מאָ־נאסטירען? און זענען דען די לעבענס־געשיכטען פון אברהם בן עזרא און רבי יהודה הלוי און בנימין פון טודעלא ווענינער פאבעלהאפט ווי די געשיכטען פון די רויטע קרייץ ריטטער?

און די אַלטע און שפּעטערע ישיבות און די אָפענע און פערבאָר־גענע שוהלען און די ימים־טובים און ימים נוראים און דאָס אייביגע לעבען אונטער גאָט'ס אויג און דאָס שטענדיגע ריכטען זיך אויפ'ן טוידט און אויף משיח'ן און די אייביגע מחלוקת'ן און רעליגיעזע שפּאל־טונגען און חרמות — וואָס פאר פערפלאָנטערט אייגענאַרטיגע ביל־דער און סצענעס און פסיכאָלאָגישע מאָטיווען זיי וואָלטען געקענט ליפערען דעם דיכטער און ראָמאַניסט! וואָס פאר מערקווירדיגע מענ־שען די אסיים, די פרושים, די מקובלים, די שבתי צבי'ניקעס און די ערשטע חסידים זענען געווען! וועלכע סטאָאישע שטייפקייט און בוד־היסטישע פערטיעפטקייט, וועלכע שטיינערנע פעסטקייט און אונער־ביטליכע שטרענגקייט, וועלכע גליהענדע פאנטאזיעס און מיסטישע חלומות, וועלכע זאָנדערבארע אויסמישונג פון ערדישע ליידענשאפט און הימלישעם בעגעהרען!

און זאָגאר דאָס פּראָסטע אָרימע פאָלק, דאָס פאָלק פון ווייבער און בעל־מלאכות און הענדלער — צו איז דען זייער שאפענדע קראַפט די גאנצע צייט געשלאָפען? זענען דען די צאָהללאָזע פאָלקס־ליעדלעך, פרומע און וואָכעדיגע געשיכטען, רעטעניסען, סגולות און גלייכווערט־לעך ניט קיין רויהער גאָלד וואָס קען אין די הענט פון'ם מייסטער פערוואנדעלט ווערען אין בלישצענדע קרוינען אויפ'ן קאָפּ פון'ם פאָלק, דעם אייביגען שעפּפער!

דאָס זענען אַלץ גייסטיגע רייכטהימער, אונערשעפּליך ווי דער ים אוקינוס, פון וועלכע מען וואָלט געקענט אויסשפינען מיליאָנען ראָמאַנטישע פעדים, פון וועלכע מען וואָלט געקענט אַרויסכישופ'ן א גאַנצע ראָמאַנטישע וואונדער־וועלט, ניט ווענינער הערליך און גע־היימניספאָל, ניט ווענינער עדעל און פאנטאסטיש, ניט ווענינער נשמה'דיג־הימליש און נעבעלהאפט־ערדיש, ניט ווענינער בלענדענד און ווייך־שטראהלענד, ניט ווענינער אימפּאָנירענד און ערהייבענד ווי די וועלט וואָס דער קריסטליכער ראָמאַנטיזמוס האָט אויפגעצויבערט. און ווי ניי, ווי ריין־אידיש, ווי מערקווירדיג פערשיעדענ־אַרטיג וואָלט דיעזע וועלט געווען מיט איהר זאָנדערבארער אויסמישונג פון מזרח און מערב, פון הייסע טראָפּען־לענדער און קאַלטען צפון, פון אַלטערטהום און ניי־וועלט, פון איסלאם און קריסטענטהום!

ו.

דער וועג צום אמת ראָמאַנטישען צויבער־לאַנד איז שוין אין דער העברייאישער און אידישער ליטעראַטורען מעהרערע מאָל בעטראָטען געוואָרען. אייניגע דיכטער און נאָוועליסטען האָבען יענע וואונדערבאַרע כנען־לאַנד דערזעהען. נאָכגעפאָלגט האָבען זיי אָבער ניט פיעלע און די פיהרער זעלבסט האָבען אויך דאָס שעהנהייטס־לאַנד בלויז פון ווייטען בעוואונדערט. פון ווייטען נור האָבען זיי אויסגעשטרעקט זייערע הענט און פון׳ם לויכטענדען בארג אייניגע שוואַכע פונקען געפאַנגען, — שוואַכע פונקען וואָס האָבען זיך אין קיין פלאַם ניט בעהעפט, קיין ליכט־טורעם פאַר די בלאָנזענדע ניט אָנגעצונדען.

עס פעהלען אונז ניט קיין גדיכטע און ערצעהלונגען פון דער אידישער געשיכטע. מיר זענען אויך ניט אין גאַנצען אָהן ביישפיעלע פון א פאָלקסטהימליכער דיכטונג. ווי אָרעם איז אָבער דאָס געשאַפענע אין פערגלייך מיט דעם וואָס מען וואָלט געקענט שאַפען, ווי קאַלט און מאַגער און אויסערליך איז דער ראָמאַנטיזמוס וועלכען מיר האָבען אין פערגלייך מיט דעם וואָס מיר האָבען געקענט און געדאַרפט האָבען.

פיעלעס איז ביי אונז געשריעבען געוואָרען פון די שפאַנישע און פאָרטוגעזישע אינקוויזיציאָנען, שייטער־הויפענס און פון די פסחים און סדרים אין הייהלען. געשריעבען איז דאָס אָבער מייסטענס שונדיש־סענטימענטאַל, אָהן היסטאָרישע אָריענטירונג, אָהן הינרייסונג, אָהן א מיטרייסענדער, פערשלינגענדער אַטמאָספערע, אָהן דעם גרויסען שוואונג. די שריפטען זענען ראָמאַנטיש בלויז אין זייער ניט רעעליטעט, ראָמאַנטיש בלויז אין זייער פעראַכטונג צום קלאָהרען פערשטאַנד. זייער ראָמאַנטישער בליאַסק איז דער בליאַסק פון א פאַלשען דימענט.

פיעלעס איז ביי אונז פון ציון און שרון און לבנון־צעדערען געזונגען געוואָרען. עס איז אָבער א קאַלטער געזאַנג אָהן אמת׳ע בעגייסטערונג, א געזאַנג פון קאַלטער, פאַר די אויגען גליווערנדער רהעטאָריקע, אָהן דער מעלאַנכאָליע פון לאַנג־פערשוואונדענע, פון אונטער די חורבות שיממערנדע וועלטען, אָהן די הערצענס־גרייפענדע בענקשאַפט פון א קראַנקהאַפטען טאַנטאַלוס־געמאַרטערטען דיכטער נאָך די פאַנטאַסטישע, ליכט בעקראַנצטע צויבער־וועלדער וואָס טויכען אויף פון׳ם פערגאַנגענהייטס־ים און ווערען צוריק אין זיין דונקעלען אָפגרונט צורונען.

מיכה יוסף לעבענזאָהן, פון די אמאָליגע העברייאישע דיכטער, און אברהם מאפו, פון די אמאָליגע העברייאישע ראָמאַניסטען, האָבען אַרום זיך אייניגע שוואַכע פונקען פון א אידישער ראָמאַנטיק געוואָרפען. זיי זענען אין׳ם זאמד בעגראָבען געוואָרען. האָט יהודה ליב

גאַרדאָן אַזאַ פונק געפונען, איז ער ביי איהם נאָך אַ בלייכען שיממער, פערלאָשען געוואָרען. שלום יעקב אבראמאָוויטש האָט אינ׳ם ים פון היינט־אידישער פאָלקס־לעהרע אינ׳ם ים פון ליטוויש־אידישע פאָלקס־לעגענדען, זאגען, מעשה׳לעך און גלויבונגען איינינע פערלען געפונען און מיט זיי זיין „הערשעלע" בעציערט. אָבער „ר׳ מענדעלע׳ס" קינדער און אייניקלעך האָבען זיין וועג ניט בעטראָטען. פרוג האָט איינינע מאָטיווען פון די אַלטע תלמודישע זאגען געבאָרגט. זיין לע־גענדע וועגען אלכסנדר מוקדון און דער אייביג־גיעריגער מענשליכער אויג האָט שוין באַלד דעם ריכטיג ראָמאַנטישען טאָן, אָבער רהעטאָריש־קאַלט, אָהן דעם אַלט־קריגערישען פערזען־גאַללאָפּ קלינגט ראָזענ־פעלד׳ס „יהודית", געקינצעלט און געשליפען איז זיין „שולמית".

פיעל וואַרימער, פיעל מעהר ראָמאַנטיש איז דער הויך וואָס שוועבט איבער פּרץ׳ס „מאַניש". פאָלקסטהימליך איז דער טאָן אין זיין „בשעת מגפה" און אין „וואָס איז נשמה?" און געהיימניספאָל און פאַנטאַסטיש זענען די קלאַנגען און פאַרבען אין זיינע חסידישע און קאַבבאַליסטישע ערצעהלונגען און מעשה׳לעך. אין ראָמאַנטישען פייער געטונקען זענען פיעלע סצענעס פון שלום אש׳ס „שבתי צבי" און ראָמאַנטיש־שעהן און אין אַלט־וועלטליכע בענקשאַפט זענען יהואש׳ס ביבליש־תלמודישע ליעדער דורכגעווייקט. זיינע פּנקס־לע־גענדען און בית־השמשות מערכען זשומען מיט׳ן גערויש פון אַלט־פּראַגישע בית־הקברות ווערבען.

ז.

און דאָך איז דאָס ביסעל עכט־ראָמאַנטישע אין אונזער ליטעראַ־טור נור צופעליג, נור אַ גליקליכע אויסנאַהמע. דאָס ביסעל עכט־ראָ־מאַנטישע איז אָנגעוועהט געוואָרען אויף אונזער ליטעראַטור מיט דעם האַלבען בעוואוסטזיין פון איהרע שעפּפער.

בעזונדערס נאַקעט און בלויז, בעזונדערס קאַלט און טרוקען איז אונזער אַמעריקאַנישע פּראָזאַ־ליטעראַטור, אָהן אַ ראָמאַנטישען הויך, אָהן פאָלקסטהימליכע וואַרימקייט און פערגאַנגענהייטס־זאַפט. אונזער אַמעריקאַנישע פּראָזאַ־ליטעראַטור איז אַזוי ווענינ אידיש, אַזוי פיעל רוססיפיצירט.

אום שעהן צו ווערען, אום אויפצוהייבען זיך העכער פון דער ערד, אום פאַנטאַסטישע רייכקייט צו בעקומען, אום טראַגיש גרויס צו ווע־רען, אום אַל־וועלט האָריזאָנטען צו שפּרייטען, אום אייביגקייטס־וויספערן צו פערנעהמען, אום מיט די פרישע טוי־טראָפּענס פון פאָלקס־גאָרטען צו פינקלען, מוז זיך אונזער ליטעראַטור אַ אידישען ראָמאַנט־טיזמוס בעשאַפען, און אַזוי ווי די אַלט־גריעכען האָבען זייער קארינטה

Young Social Ed...

און די רענעסאַנס־איטאַליענער האָבען זייער וועגעדיג פון די ים־כוואַ־
ליעס און דעם ים־שוים אויסגעטורעמט, אַזוי מוז זיך אונזער ליטעראַטור
פון דעם ים פון אידישער פערגאַנגענהייט און אידישער פאָלקס־דיכ־
טונג אַ ראָמאַנטישע צויבער־וועלט ערבויען.

אַ אידישער ראָמאַנטיזמוס דאַרף ווערען דער בעגייסטערונגס־
קוואַל פון דער אידישער ליטעראַטור, איהר פלאַקערנדער וועג־ווייזער
פון די שפּיצען בערג. אַ אידיש־ראָמאַנטישע ליטעראַטור דאַרף גע־
שאַפען ווערען, דאַן וועט פון איהר אַריינרינען אַ ראָמאַנטישער אונ־
טער־שטראָם זאָגאַר אין ניט־ראָמאַנטישע דיכטונגען. אין גאַנצען ראָ־
מאַנטיש קען שוין איצט די אידישע ליטעראַטור אפילו ביי איהר בעס־
טען ווילען ניט ווערען, אָבער די ראָמאַנטישע השפּעה וועט זיך זאָגאַר
אין ניט־ראָמאַנטישע ווערק פיהלען. ווייטע, קוים־הערבאַרע ראָ־
מאַנטישע קלאַנגען וועלען ווי גייסטער־גלעקעלעך שאַלען איבער דעם
גאַנצען פעלד פון אידישע פּאָעזי און פּראָזא. דער וואַרימער אידיש־
ראַמאַנטישער הויך וועט דעם פעלד בעטויען, אידיש־ראָמאַנטישע
פעדים וועלען מיט זייערע נעבעלדיגע פאַרבען שימירירען צווישען די
קווייטען און בוימער. זאָגאַר אין די ניט־ראָמאַנטישע דיכטונגען וועלען
די קלאַנגען זאַנפט שוועבען אין די שילדערונגען, אין די בילדער, אין
די צוגלייכעניסען, אין די ווייטע אָנצוהערעניסען, אין די אונבעשטימ־
טע עראַינערונגען, אין די דורכבליצענדע געדאַנקען־שפּריצען. די ראָ־
מאַנטישע צויבער־פעדים וועלען זיך צושפּינען צווישען די שורות,
שלענגלען אין די הינטער־געדאַנקען פון די ווערטער, זיך פלעכטען
און אויסוועבען אַ זילבער־גרויע נעץ אין דער „אטמאָספערע“. דער אַלט־
אידישער, פאָלקסטהימליך־טראַדיציאָנעלער טאָן דאַרף זיך פערבאָר־
גענערהייט דורכשיפּען אין יעדען קונסטווערק וואָס ווערט אין אידיש
פאַר אידען געשריבען, די אַלטע קאָליאַרלעך דאַרפען פינקלען אין די
געשטאַלטען, צואווינקען פון די בוי־ליניען, דער ליעבער אַלטער מורמעל
דאַרף זומען צווישען די געשפּרעכען, דאַרף שטיל וויספּערען אין
די מעלאָדיען, אַזוי ווי דער בלעטער־גערויש פון אַ בעסעדקע פון פער־
ליעבטע פּאָכט זיך שטיל דורך צווישען די צערטליכע ליעבעס־
קלאַנגען.

דיעזע וואונדערבאַרע, דין־געשפּונענע נעץ פון שטילע ראָמאַנ־
טיש־אידישע קלאַנגען, פון העל־נעבעלדיגע אידיש־ראָמאַנטישע פעדים
און בלומען־דופטען פון׳ם פאָלק׳ס גאָרטען וועט אַזוי ווי אַ צויבער־
בריק הענגען איבער׳ן תהום צווישען דער אידישער פערגאַנגענהייט
און דער אידישער געגענוואַרט, זיך פלעכטען איבערן אָפּגרונט וואָס
טהיילט אָפּ דעם מאָדערנעם אידישען דיכטער פון׳ם פאָלקס־מענשען

און עבר און עתיד, אינטעליגענץ און תמימות מיט איין קרייז פערציהען.

דאָס לעזענדע פאָלק וואָלט זאָגאַר די שוועבענדע קלאַנגען פערנומען, עס וואָלט זאָגאַר די קוים־פינקעלנדע פעדים דערקענט. דער וואַרימער אַלט־היימישער הויך וואָלט די קלאַנגען צו זיין אויער, די פעדים צו זיין אויג, מקרב געווען. אָהן זיין וויסען וואָלטען זיי זיך אָנגעקניפּט אָן די סטרונעס פון זיין האַרצען און אַרויסגעשלאָגען פון זיי אַקקאָרדען פון מיט־געפיהל. אונזער ליטעראַטור וואָלט דאַן גערעדט צו זיין האַרצען און וואָלט געוואָרען זיינע.

*　*

*

א אידישער ראָמאַנטיזמוס וועט די אידישע ליטעראַטור אָנטרינקען מיט הימלישען טוי און זי בעגיסען מיט קריסטאַל־קלאָרע טייכען. ער וועט אין איהר אַריינלאָזען אַ שפּריץ־רעגען פון גן־עדן פאַרבען און איבער איהר אויסשפּרייטען אַ חופּה פון צויבערהאַפטע נעבעל־מיראַזשען. ער וועט איהרע וואָרצלען איינפלאַנצען אין דער פעסטער ערד און איהרע שפּיצען מיט היממעל־מיסטעריען און אייביגקייטס־פאַנטאַסטיק בעגולדען. ער וועט איהר וואַרעם אומהויכען מיט פאָלקסטהימליכע נאַאיווקייט און מיט טראַגישע ווירדע און אַל־וועלט־ערנסט בעקרוינען. ער וועט איהר מיט אַ געזונט־קרעפטיגען לעבענס־זאַפט אָנטרינקען און מיט דעם הערליכען בלומען־רייך פון פּאָעזי אומוועבען.

אַ אידישער ראָמאַנטיזמוס וועט די אידישע ליטעראַטור איגענאַרטיג מאַכען, צוריק צום אור־קוואַל ברייגנען. דאַן וועט זיי ווערען דער היילונגס ברוננען פון'ם מיעדען איבערזעטיגטען אינטעליגענט און די ליעבע אַלטע, מיט מאָך בעוואַקסענע קרעניצע פון'ם פּשוטען דאָרפסמענשען.

י. אדלער:

רחל׳ע

זי איז געווען אַ כלה שוין,
אַ צאַרטע קינד און וואונדערשעהן,
געהאַט האָט זי אַ גאָלדען־הארץ,
און אַ צווילינג לאַנגע צעפּ —
ווי די ראָבען־פליגעל שווארץ...

* * *

און יעדען טאָג, ווען ס׳האָט די זון
דאָס אויג פון רחל׳ען ענטציקט,
האָט רחל׳ע —
איהר באַלד אַ ברכה אָפּגעשיקט...

* * *

און רחל׳ע, זי האָט געליעבט —
געליעבט, געליעבט, און לאַנג געוואַרט....
עס האָט די צייט איהר אָפּגענאַרט....
און רחל׳ע געוואָרען איז בעטריעבט.
בעטריעבט.... פערבענקט....
און שטאַרק געקרענקט,
ביז רחל׳ע —
האָט איהר לעצטע, לעצטע בענקשאַפט
אויסגעבענקט....

— — — — — — — — — — — — — —

* * *

געשטאָרבען איז זי, רחל׳ע;
ווען דער ערשטער שפּראָץ אויף טאָג
האָט קוים בעריהרט די שפּיצען בערג;
און ס׳האָט דער ערשטער מזרח־שטראַהל
געוועקט פון שלאָף דאָס לאַנד —
און ס׳האָט דער מאָרגען ערשט געהעפט
זיין רויטען פּורפּור־באַנד....
און די, וואָס האָט ביים טויטען־בעט
געוואַכט, האָט שטיל אַרויסגערעדט:
„רחל׳ע —
„ווי שעהן עס קומט דער טאָג היינט אָן,
„ווי שעהן עס פלאַטערט אויף זיין פאָהן!
„און רחל׳ע —

„זי וועט דעם טאָג ניט זעהן.....

* * *

פון דער גראָער נאַכט, פון איהר גראָען שוים,
איז די זון אַרויס;
איבער בערג און טהאָלען ווייט,
שטראַהלען־פאָהנען אויסגעשפּרייט,
איבער וואַלד און איבער פעלד
אין בלאָער לופט געוועהט....
און די, וואָס האָט געוואַכט
ביים טויטען־בעט,
האָט שטילערהייט אַרויסגערעדט:
„ווי שעהן דער זונען־אויפגאַנג איז געווען,
„און רחל׳ע —
„זי האָט איהם ניט געזעהן.....

* * *

עס האָט די זון דעם גאַנצען טאָג
שפּאַציערט,
און יעדען טייך, און יעדען שטראָם
בעציערט.
און וואו אַ סקאַלע, וואו אַ פעלז,
געפלאַטערט האָט איהר פאָהן!
מיט איהר שימער, מיט איהר פּראַכט,
וואונדער אויפגעטהאָן.
און נאָך איהר לאַנגען וואַנדער־וועג,
געקומען צו דעם מערב׳ס־ברעג;
און איידער זי פערלאָזט די וועלט
זיך ביי דעם שטיבעל אָפּגעשטעלט,
אַריינגעשיקט אַ לעצטען שטראַהל...
און עס האָט דאָס גוסס־ליכט
אַ קוש געטאָן
פון רחל׳ען... דאָס טויט־געזיכט....
און די וואָס האָט דעם מת בעוואַכט,
זי האָט אַ שרעק אַ שפּיר געטאָן:
איהר האָט זיך דעמאָלט אָפּגעדאַכט,
אַז רחל׳ע —
זי האָט זיך פון דעם זונען־קוש
אַ ריהר געטאָן...

יענטע סערדאַצקי:

א מאמע

זי איז געווען אַן׳אַלמנה. א הויכע, א מאָגערע, מיט א פּערטרויערטען, פאַר־דער־צייט, געעלטערטען געזיכט. געקליידעט אָרעם: ווינטער אין א וואַטאָווען יאַק מיט שווערע וואַליקעס אויף די פיס, און זומער אין א שוואַרץ צוריסען קלייד. איהרע ביידע הענד זענען תמיד געווען „אַנגעלאָדען" מיט שווערע קערב עפּעל אָדער ציבעלעס. געוואָהנט האָט זי ערגעץ אויף א בוידעם אין א קליין שטיבעל וואו ס׳האָבען זיך געפונען א פּאָר שטיקלאַך צובראָכענע מעבעל און אַנדערע אָרעמע כלים.

— א עלענדעס לעבען!

און דאָך איז זי ניט אַזוי עלענד געווען. איהר טרויעריגען לעבען האָט א ליכטיגער פּאַס דורכגעפלאָכטען, און מינוטען זיינען געווען, וואָס איהר צובראָכען הארץ איז געווען איבערפילט מיט פרייד.

זי איז א מאמע געווען. א מאמע צו א קליינער, צאַרטער ראָזאָווער מיידעלע, וועלכע מ׳האָט גערופען ביים נאָמען, רייזעלע.

און רייזעלע האָט ליעב געהאַט דער מאַמען! גליין ווי זי פלעגט איהר דערזעהן, פלעגט זי זיך ווארפען צו איהר: „מאַמינקע, מאַמעלע, מאַמעשי!" און זי פלעגט מיט איהרע צאַרטע קינדערשע הענטעלאך ארומנעהמען דער מאַמעס מאָגערען האַלדז, און בעשיטען איהר געזיכט מיט זיסע קינדערשע קושען.

און דער מאַמעס טרויעריגער פּנים פלעגט ווערען אַלץ הייטערער און הייטערער, און פרייליכער פלעגט ווערען איהר געמיט, און זי פלעגט אָנהויבען אומטאַנצען מיט׳ן קינד איבער׳ן שטוב, און איהרע אויגען פלעגען אויפלייכטען, און זי פלעגט, בעת מעשה, ווערען זייער עהנליך צום קליינעם, ראָזאָווען מיידעלע....

און וואָס עלטער רייזעלע איז געוואָרען, אַלץ ליעבער האָט זי געהאַט דער מאַמען, און אַלץ ליעבער די מאמע איהר.

און, אַז זי האָט איהר אכטצעהנטען יאָהר דערגרייכט, ווען איהר געשטאַלט האָט זיך ווי א שעהנער בוים צו וואַקסען, איהר ברוסט האָט זיך געהויבען און איהרע אויגען האָבען וואונדערליך געגלאַנצט, אָח, האָט זי דאַמאָלס ליעב געהאַט דער מאַמען! זי האָט שוין דאַמאָלס אין א פאַבריק געארבייט, און שפּעט אין אָוונענד קומען אהיים. זי פלעגט קוים די טהיר עפענען, ווי זי האָט דער מאַמען איינגעקלאַמערט אין איהרע יונג־פרויליכע אָרעמס און געקושט שטאַרק, שטאַרק...

און דער מאַמעס אויגען האָבען געלויכטען פאַר נחת און גליק,

די טרויער־שאָטען פון איהר געזיכט זענען פערשוואונדען, און זי האָט מיט מוטערליכען שטאָלץ און גליק, געקוקט אויף איהר „קליין מיידעלע“.

און נאָכדעם האָט זיך פערליעבט אין רייזעלען דוד דער „אגי־טאטאָר“ וועלכער איז אראָבגעקומען אין זייער שטאָדט צו „פער־שפרייטען ליכט“. און זי — רייזעלע — האָט דער מאמען נאָך שטאר־קער ליעב בעקומען: דאָס יונג, שעמעוודיג קינד האָט דער מאמען אלע איהרע ליעבעס־געפיהלען פערציילט, וועלכע זי האָט זיך פאר איהר געליעבטען געשעהמט ארויסצו־ווייזען; און א צייט איז דער טרויער פון דער אלמנה׳ס געזיכט פערשוואונדען.

און נאָכדעם איז דוד אָבגעפאָהרען, און די פערבענגטע רייזעלע האָט זיך ווי א קליין קינד צו דער מאמען געטוליעט. אין דער מאמעס שויס האָט זי, מיט טרעהרען, דעם צער פון יונגען הארץ אראָבגעוואַ־שען, און ווידער האָט זי דער עלענדער מאמען געהאלזט און געקושט.

און נאָכדעם, אין א צייט ארום, האָט זיך רייזעלע דערוואוסט, אז דוד קושט איין אנדער פרוי. און דאמאָלס... דאמאָלס האָט זי פלוצ־לונג פיינט בעקומען דער מאמען...

און א טרויעריגע צייט איז געקומען פאר דער מאמען! אין זייער קליין בוידעם־שטיבעל האָבען זיך אָנגעהויבען „פרעמדע“ פער־זאמלען און זיי האָבען פון איהר, איהר איינציג קינד גערויבט.

איהר רייזעלע איז געוואָרען טרויעריג און ערענסט. איהר פריי צייט האָט זי זיך נאָר מיט די „פרעמדע“ פערנומען. עפעס ריידען זיי וועגען מאוים׳דיגע, געהיימניספאָלען זאכען... מאָדנע סודות איז פערבאָרגען אין זייערע רייד... זי פערשטעהט עס ניט, איהר קאָפּ קען עס ניט בענעהמען! און וואָס איז איהר קינד פלוצלונג געוואָרען אזוי פרעמד און אזוי שלעכט צו איהר? אז זי רעדט צו איהר אָדער פרעגט וואָס ענטפערט זי אזוי אָבגעהאקט, אזוי כעס׳דיג, אזוי בייז...

און די מאמע האָט אָנגעהויבען שטארק פיינט האָבען די „פרעמ־דע“: וואָס ווילען זיי פון איהר קינד? וואָס האָבען זיי צו איהר, צו דער ווייסטער מאמען? און זייערע בליקען; — דאָס בלוט קיהלט אין די אָדערען פון זייער בליק! עס זאָגט איהר: „דיר קענען מיר ניט אָנטרויען אונזער הייליגקייט... דו ביסט דאָ איבעריג... דאָ ווערען נייע וועלטען פון נייע מענשען געשאפען, און פאר אלטע איז דאָ קיין אָרט“.....

און דער מאמעס טרויעריגע אויגען זענען נאָך טרויעריגער גע־וואָרען, און איהר מאָגערע געשטאלט איז געוואָרען איינגעפאלען, און טיעפע קנייטשען האָבען זיך אויף איהר פנים צולייגט, און זי האָט געבענקט נאָך איהר קינד.

און איינמאָל האָט זי געהערט, אין א געשפּרעך מיט די „פּרעמ־דע,“ ווי רייזעלע זאָגט:

„פּאַר'ן קעמפּפער עקזעסטירט קיין פּערזענליכעס, ניטאָ קיין קרובים, אַפילו קיין מאַמע איז ניט פּעראַן“!... און זי האָט דערביי א בייזען, פּערחמורעטען בליק געשיקט צו דער מאַמען, ווי זי וואָלט זאָגען: דאָס „מיין איך דיר“!

און די אַלטע האָט א ציטער געטהאָן. „קיין מאַמע!“ און דאָס זאָגט איהר קינד? איהר רייזעלע, וועלכע האָט זי תמיד אזוי ליעב געהאַט!

אמת דאָס איז ניט די פריהערדיגע רייזעלע מיט'ן פרישען פּנים'ל, מיט די זאַפטיגע ליפּעלאַך, און מיט'ן העלען, קלינגענדען קול; איצט איז זי גיכער עהנליך צו איהר שוועסטער עטיל די „סוחאָטניצע“, הויך, דאַר, איינגעפאַלען, א בייזער טרויעריגער גלאַנץ אין די אויגען, און דאָס קול אזוי טרוקען און הארט....

און די עלענדע מאַמע האָט געזיפצט.

„זי וועט זיך נאָך אומקערען צו מיר... זי וועט זעהן, אז א י י ן מאַמע איז טהייערער ווי ט ו י ז ע נ ד פּרעמדע... זי וועט מיר נאָך בעדאַרפען אמאָל“... אזוי האָט דאָס מוטערהאַרץ געזאָגט, און זי האָט געוואַרט.

און יאָהרען האָט די עלענדע מוטער געוואַרט. טרויעריגע יאָהרען. איהר רייזעלע האָט זיך אין גאַנצען אָבגעטהאָן פון איהר. א פּאָר מאָל פאַר דער צייט איז זי געזעסען פערשפּאַרט, אָפט פלעגט זי ארומפאָהרען איבער שטעדט און דערפער זיך שטעלענדיג דאָס לע־בען אין געפאַהר, און אז זי פלעגט זיין אין דער היים, פלעגט זי אַפילו קיין צייט האָבען א קוק צו טהאָן אויף דער מאַמען.

און די „פּרעמדע“ האָבען אויסגעפילט אלע ווינקעלאַך אין איהר שטיבעל. און זי האָט זיך ווי א שאָטען, ווי א איבעריגע ארומגע־דרייט צווישען זיי; און זי האָט אַלץ געהאָפט און געוואַרט.

און איין צייט זענען די געשפּרעכען פון די „פּרעמדע“ געוואָרען הייסער און געהיימניספאָלער... און זי האָט געזעהן בלישצעדיגע גע־וועהר אין זייערע און אין רייזעלעס הענד... איהר מוטער־האַרץ האָט געצאַפּעלט און שטיל געוויינט; אָבער גערעדט האָט זי ניט: איהר קינד וועט זי אַלץ איינס ניט געהאָרכען...

און א טאָג איז געקומען, ווען צו דער מאַמען אין שטיבעל האָט זיך דערטראָגען פון גאַס א ווילדער גערודער און א קלאַפּעריי... זי האָט געוואוסט וואָס דאָס בעדייט: איהר שטיבעל איז געשטאַנען לעער, רייזעלע מיט די „פּרעמדע“ זענען געווען אין גאַס...

און דאָס מוטערהאַרץ האָט לאַנג געבלוטעט אויפ'ן גורל פון

איהר קינד. און ענדליך איז רייזעלע צוריקגעקומען. צוריקגעקומען א מיעדע, א ציקאליעטשעטע, און בלוט האט געשטראמט פון א האנד.

און דאמאלס איז זי שלום געווארען מיט דער מאמען...

שפעטער האבען זיך אין זייער שטיבעל צוריקגעקעהרט די „פרעמדע". אבער שוין ניט די זעלבע וואס פריהער: ניטא די העלע קרעפטיגע שטימען, דער גלאנץ אין די אויגען, דער סודות'דיגער גע־שפרעך. איצט זענען זיי צוקאליעטשעטע, גרימיגע, שוויינענדיגע, און אנדערע — פעהלען גאר אוים....

און רייזעלע איז ניט די זעלבע. זיי קוקען בייז איינע אויף די אנדערע, זיי זענען איינע אויף די אנדערע אין כעס, גלייך זיי בע־שולדיגען איינע די אנדערע... גלייך דער פאדעם וואס האט זיי צוזא־מענגעבונדען האט זיך איבערגעריסען און זיי זענען זיך איצט געווא־רען פרעמד.....

און די פרעמדע האבען אנגעהויבען קומען צו זיי אין שטיבעל אלץ וויינינגער און וויינינגער, ביז זיי האבען אין גאנצען אויפגעהערט.

און עס האבען זיך אנגעהויבען ציהען לאנגע, איינזאמע און טרויעריגע אבענדען. די מאמע זיצט, פאר'ן שיין פון קליינעם לעמפעל, און שטריקט א זאק, און רייזעלע קוקט אין א בוך אריין. און פלוצלונג איבערוועלטיגט דער צער איהר צוריסענע נשמה, זי ציהט זיך אב פון בוך און רוקט זיך פאמעליך צו דער מאמען, זיווארפט איהר מיעדען קאפ אין איהר שוים אריין, און די מאמע הויבט אן גלעטען מיט איהר פארמעטהויטיגער האנד דעם עלענדען קאפ פון איהר קינד. און טרעהרען הויבען אן פליסען פון רייזעלעס אויגען און בּיסלאכוויז וואשען זיי דעם טרויער פון הארץ אראב; און טרעהרען פליסען פון דער מאמעס אויגען און זיי וואשען איהר קינד'ס פערטריקענטע, גרוי געווארענע האר. און דאס ג ר ו י ס ע ק י נ ד ווערט אזוי ביי דער מאמען אין שוים איינגעשלאפען. און איהר בלייכעס, פערוועלקטעס געזיכט רייטעלט זיך, אויף די בלאסע ליפען שוועבט א שמייכעל, עס חלום'ט זיך איהר שעהנע, קינדערשע חלומות....

און די מאמע האט זיך ערוואכט. זי גלעט און גלעט דעם עלענדען קאפ פון איהר גרויסען שלאפעדיגען קינד. איהרע אויגען פאלען צו עם שלעפערט זי, איהר מיעדער קערפער בעט זיך אוים־רוהען; אבער שלאפען געהן וועט זי ניט, זי איז א מאמע, זי וויל ניט אויפהערען גלעטען איהר רייזעלעס קעפעלע, זי וויל ניט אז איהר עלענד קינד זאל זיך אויפכאפען זאל ערוואכען פון חלום צו דער ווירקליכקייט....

מאַני ליב:

א ליעד

אויב איך וואָלט מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ ליכטיגע, גאָלדענע באַבעטשקע זיין
געשפּונען פון ליכט־זייד אין פאַרביגען דופט
פון גאָלדענע פעדים אין טהויאיגען לופט
וואָס וואַכט ווען די זונן וואַכט, און טרוימט ווען פאַרנאַכט
צוליגט זיך אַ שאָטען פער׳חלום׳ט אין זאַכט —
צו וואָלסט דו מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ לויטערעס לאָקענדעס פייער׳ל זיין
איך זאָל אין דיין פרייליכען ווארעמען שיין
מיין גסיסה פערברענען, פערברענען?

אויב איך וואָלט מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ צאַפּעלדיג גאָלדענע פישעלע זיין
געשפּונען פון טייערסטען פערל־קאָרעל,
פון פּעען דמיונות אין זילבערנעם וועל
וואָס שווימט נור אַרוים צו דעם גאָלד־בלאָען ברעג
אין שטילע פער׳כישופ׳טע זונניגע טעג —
צו וואָלסט דו מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ לאַשצענדעס, זילבערנעם וועלעכעל זיין
איך זאָל אין דיין שוים, אין דיין ווייכען אַריין
אין וויגען זיך, וויגען זיך וויגען?

אויב איך וואָלט מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ זשומענדעס גאָלדענעס ביהנעלע זיין
בעהויכט פון דעם זומער׳ס געלויטערטען קוואַלל,
פון וויין־האָניג־בלומען און שמייכלענדען שטראַהל
וואָס פלאַטערט אין גאָרטען און זויגט דורשטיג אויס
דעם וויין און דעם האָניג פון בלעטעל און רויז, —
צו וואָלסט דו מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ פרישינקע, זאַנפטיגע רויזעלע זיין
איך זאָל פון דיין בעכערעל האָניג און וויין
פער׳שיכור׳ט אלץ זויגען און זויגען?

אויב איך וואָלט מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ מיידעלשער חלום אַ גאָלדענער זיין
געשפּונען אין מאיי־נעכט פון צאַרטען בעגעהר,
פון מיידעלשע בענקשאַפט בריליאַנטענע טרעהר
וואָס שאַפט יענעם לעכצענדען, שעמעוודיג־קלאַנג
וואָס גיסט זיך אין נאַכטיגאַלס אבענד־געזאַנג —
צו וואָלסט דו מיין מיידעלע, מיידעלע פיין
אַ ביינקענדעס, ליעבענדעס הערצעלע זיין,
איך זאָל אין דאָס בענקענדע הערצעל אריין
דאָרט צערטלען חלומות, חלומות...?

ש. ניגער:

קולטור און קולטור-טרעגעריי

(וועגען דער אידישער אינטעליגענץ).

א.

די אינטעליגענץ — דאָס זענען די, וואָס שטרעבען צום העכסטען פּערזענליכען און געזעלשאַפטליכען בעוואוסטזיין, די, וואָס קוקען אריין אין די טיפסטע פינסטערנישען און טראָגען די ווייטסטע פונקען ביי זיך אין הארצען.

די שאַפען די קולטור. א נ ד ע ר ע פערשפּרייטען זי.

אזאַ טבע האָט די אינטעליגענץ: ווען זי שאַפט קולטור־ווערטען, דאַן טראַכט זי וועניג וועגען זייער פערשפּרייטונג. דער גייסט פון שאַפען איז אַריסטאָקראַטיש און איינזאַם. ער איז אַריינגעטאָן אין זיך און בענוגענט זיך מיט זיך. ער שטרעבט ניט צו אַנדערע: אַנדערע שטרעבען צו איהם....

דאָס פערשפּרייטען די קולטור, — איהר דעמאָקראַטיזירונג, ווערט דער לעצטער ציעל, דער אידעאַל פון דער אינטעליגענץ דאַן, ווען זי איז זיך מיאש פון שאַפען. ווען זי איז זיך מיאש פון זיך, דאַן טראַכט זי וועגען אַנדערע. ווען עס ווערט אַ רחמנות אויף איהר, דאַן קריגט זי רחמנות צו די אַרומיגע.

ווען זי הערט אויף גרויס צו זיין, דאַן ווערט זי גרויסמוטיג.

אראבפאלענדיג פונ'ם שאפענס־הימעל, ווערען די שטאלצע פאר־שטעהער פון דעם גייסט־אריסטאקראטיזם, ווי די מלאכים, וואס זענען געקומען צו אברהם אבינו, גלייך מיט אלע מענשען פון דער ערד: זיי „עסען און טרינקען“ און ווישען אב פון די פיס דעם לעצטען הימעל־שטויב... דער איינזאמער זינגער, דאס עכא פון אנדערע וועלטען, ווערט א חזן ביי'ן עמוד, א „שליח־צבור“; דער פאעט זאגט ברחנות אויף חתונות, אדער שרייבט אין חרוזים אויפשריפטען אויף מצבות — דאס ווענדט זיך אן זיין טעמפעראמענט; פון דעם נביא ווערט א פרעדיגער; פון דעם צדיק — א רבי; פון דעם פילאזאף — אנ'־אויפקלערער; פון דעם געלעהרטען — א פאפולאריזאטאר...

און איך האלט עס פאר א כלל: ווען עס הערט אויף די פערטיפונג, די אינטענסיווע ענטוויקלונג פון דער קולטור, דאן הויבט זיך אן איהר פערברייטונג, איהר עקסטענסיווער וואוקס.

ווען די אינטעליגענץ פערגעסט אן איהר ווייטעסטען ציעל — די קולטור, דאן פערליעבט זי זיך אין איהר נאהענסטען צוועק — די קולטורטרעגעריי.

די קולטור און די קולטור־טרעגעריי — דאס זענען דער הימעל און די ערד פון דער אינטעליגענץ, איהרע פליגלען און איהרע קוליעס. די קולטור הויבט זי אויף אין דער הויך, „צו די שטערען“ און די בעהאלטענע זונען; אויף דער קולטורטרעגעריי שפארט זי זיך אן, ווי א הינקעדיגער אויף זיין שטעקען, ווען די הייסע זון פערשמאלעט איהר די פליגלען, און זי פאלט אראב, ווי א פעוואונדעטער אדלער, אין טאל אריין, אין „עמק הבכא“...

ב.

די אידישע אינטעליגענץ, וועלכע טראגט נאך אויף זיך די טראגישע מאסקע פון דער אסימילאציע — זי עפענט אפט הימלען, קולטור־הימלען, פאר דער מענשהייט; אליין אבער בלייבט זי זיצען אויף דער ערד, אינ'ם טאל פון קולטורטרעגעריי. זי איז אין דעם טעמפעל פון קונסט א משרת, ניט קיין כהן.

אין דער ספערע פונ'ם קולטור־שאפען בענוצט זי שטענדיג ניט אייגענע, נאר פרעמדע „פראדוקציאן־מיטלען“: — פרעמדע פארמען, פרעמדע שפראכען, פרעמדע טראדיציעס. זי איז א גייסטיגער לוין־ארבייטער, א קולטור־פראלעטאריער....

די קולטור, וואס זי שאפט, בלייבט שטענדיג אויסער איהר; די קולטור נעהרט זיך פון איהר בלוט, זי דרינגט אבער אין איהר בלוט ניט אריין; זי ווערט ניט איהר לופט, איהר ליכט, איהר זון...

זי ווערט איהר שאָטען, איבער וועלכען זי וויל איבערשפּרינגען, נאָר וועלכער שלינגט זי איין...

די קולטור־ווערטען, וועלכע זי שאַפט, דינען נאָר צו פערמעהרען דעם שטאָף, וואָס זי וועט אין א ווייל אָרום פערניכטען.

די פעלקער־קולטורען זענען פאר איהר אזוי ווי אנ־אסעקורירטעס הויז פאר א ניט עהרליכען „פּאָדריאַטשיק“: ס'אדאגה, זאָל ברענען — מען וועט זיך בויען אויפ'ם ניי!

די סאַמע ערנסטע בעציהונג פון דער אידישער אינטעליגענץ צו דער קולטור און קולטור־מסורה איז דעריבער דער שמייכעל, די איראָניע. די איראָניע, וועלכע וואָלט געווען ציניש, ווען זי וואָלט ניט געווען אזוי טראַגיש.

דאָס לאַכט דער „אייביגער אהאספער“ פון די מענשען און די פעלקער, וואָס פערשטעהען ניט, אז ער איז שוין לאנג טויט, און אז דאָס לעבען איז ביי איהם נאָר א מאסקע, און די טאָרבע און דער וואַנדערשטעקען — נאָר א סימוואָל פון . . גייסטיגער אָרעמקייט.

דאָס לאַכט די קולטורלאָזע אידישער „קולטור“ פון דער אייגענער פוסטקייט, וואָס איז אזוי ערנסט... דאָס לאַכט זי פון דער הייליגער און לעבערליכער מיסיע, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען אייביג צו טראָגען אויפ'ן רוקען די געלע לאַטע פון „קולטורטרעגעריי“.

דאָס לאַכט די אידישע „קולטוס־געמיינדע“, די אידישע „טראַדיציע“, פון דעם „מאָנאָטעאיזמוס“, וואָס זי פערשפּרייט. און דער אידישער „פּריימויערער“, דער אָנזאָגער פון דער „צוקונפט“, לאַכט פון דער „רעוואָלוציע“ און דער „גייסטיגער בעפרייאונג“, וואָס ער ברענגט אויף דער וועלט.

און אָט דעריבער איז די סאַמע ערנסטע ענטפּלעקונג פון דעם אידישען גייסט — די גאונות — די גאונות פון דער סאַטירע, די גאונות פון בערנע און היינע, די גאונות פון דעם שמייכעלדיגען זעלבסט־אינקוויזיטאָר, פון דעם ליריקער, וואָס בעזינגט און בעשפּייט די אייגענע נשמה; פון דעם פּאָעט וואָס פערוואַנדעלט זיין איך, זיין ליעבע און האס, זיין ליריק אין מאַטעריאַל פאר עפּישע ערצעהלונגען און סאַרקאַסטישע וויצען.

דעריבער איז דער אידישער אינטעלעגענץ — כאָטש אין איהר ברוסט ראַנגלען זיך ניט צוויי, נאָר טויזענד נשמות, — פרעמד פּויסט און איהר איז בעקאַנט נאָר פויסט'ס דעמאָן — מעפיסטאָפעל.

דעריבער לאַכט די אידישע אינטעליגענץ, אין דער געשטאַלט פון איהרע פּאָעטען־סאַטיריקער, פון זיך, און מען מיינט זי לאַכט עס פון דער וועלט.

דעריבער האָט זי ניט קיין טראַדיציעס און מען מיינט, זי איז רעוואָלוציאָנער.

דעריבער האָט זי ניט קיין פערגאַנגענהייט, און מען גלויבט, זי קעמפפט פאַר די צוקונפט.

דעריבער געפינט איהר אין איהרע קונסט־ווערק גענוג גאַל, פיעל, צופיעל, אָפענע און בעהאַלטענע, נערוועזהייט; נאָר „אין קיינפאַל, זאָגט ריכארד וואַגנער, דערגרייכט זי ניט די מדרגה פון התעוררות (ערעגטהייט) און העכערע האַרץ־דורכברענענדער ליידענשאַפט“, — יענער ליידענשאַפט, וועלכע איז די מוטער פון יעדען אמת'ען שאַפען...

דעריבער איז אין איהר לעבען און אין איהר געשיכטע מעהר טראַגיזם, ווי דראַמאַטיזם, און מעהר קאָמיזם ווי טראַגיזם.

און דערפאַר איז זי קולטור־טרעגעריש, כאָטש מען מיינט זי איז קולטורעל.

קולטורעל איז די אינטעליגענץ, אין וועלכער עס לעבט דאָס געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער געשיכטע.

די אינטעליגענץ, וואָס קאָן ניט בלויז דענקען, נאָר אויך געדענקען. וואָס טראַכט ניט בלויז וועגען די אייניקלעך, נאָר אויך וועגען די זיידעס.

בעפרוכטען די פערגאַנגענהייט און געבוירען די צוקונפט — אָט דאָס דאַרף זיין די געגענוואַרט. אַזוי זאָגט ערגיץ ניטשע. פון דער געגענוואַרט, וואָס בעפרוכטעט ניט און ווערט ניט בעפרוכטעט פון דער פערגאַנגענהייט — קאָן ניט געבוירען ווערען קיין צוקונפט, קאָן ניט זיין קיין קולטור.

קולטור הייסט שאַפען, בעהעפטען זיך, דורך ליידען און ליידענשאַפט און ליעבע און עקסטאַז, מיט גאָט, מיט דער אייביגקייט. זיך איינפלעכטען אין דער „גאָלדענער קייט“. וואו דער טויט גיסט זיך צונויף מיט'ן לעבען, דאָס געוועזענע — מיט דעם ווערדענדען, דער נעכטען — מיט דעם מאָרגען.

וואו איז די גאָלדענע קייט פון דער אידישער אינטעליגענץ? זי האָט זיך ניט איבערגעגאָסען אין אַנ'אַנדערער, א נייער; זי האָט זיך איבערגעריסען. איהרע רינגעלעך האָבען זיך פאַנאַנדערגעקייקעלט, זענען צושאָטען געוואָרען, וואַלגערען זיך און שזאַווערען... אפשר וואַרטען זיי אויף דעם שמיד פון דער געשיכטע, וואָס זאָל קומען און אַראָבנעמען פון זיי דעם שטויב און דעם ראָסט און זיי אָבשייערן און זיי אויסליימערען אין א נייעם פייער, — וואָס זאָל קומען און זיי בעהעפטען?

אָבער ביז אַט דער וואונדער וועט געשעהען, וועט די אידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך, ווי אַ שטיק שטערן, אָבגעריסען פון דער אייגענער קולטור־פּלאַנעטע, — ארומבלאָנדזשען, ווי קין, איבער דעם מדבר פון דער וועלט און זיך ערגעץ קיין אָרט ניט געפינען, און ערגעץ זיך ניט געפינען.

זי וועט זיין אומעטום, ווייל זי וועט ערגיץ ניט זיין.

זי וועט ניט האָבען קיין קולטור, ווייל זי וועט האָבען אַ סך קולטורען.

זי וועט גאָרנישט ניט ליעבען, ווייל זי וועט אַלץ ליעבען...

און זי וועט אַלץ האַסען, ווייל זי וועט אויף קיין זאַך ניט אויסגיסען איהר גאַנצען האַס.

אין יעדער קולטור־מחנה וועט זי שטעהן אין עק — גרייט צו ענטלויפען....

נאָר בלייבען וועט זי אייביג אינמיטען, צווישען דער קולטור און די פעלקער — אַ קולטור־טרעגערין!

ג.

דאָס געטאָ, די אידישע גאַס האָט אין זיך די טבע — ווער ווייס עס ניט? — קלענער צו מאַכען אַלץ, וואָס קומט אהין אַריין פון דרויסען.

אויך די אידישע קולטור־טרעגעריי, די גייסט־פערמיטלעריי, וועלכע איז דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, גרויס און ברייט, איז אין דער אידישער גאַס, וואוהין עס האָבען זי מיטגעבראַכט די אינטעליגענטען־בעלי־תשובה׳ניקעס, געוואָרען קליין; געמיין ווי אַ שטראַהל פון דער זון פערליערט זיין קלאָהרהייט, זיין שיין און גלאַנץ, ווען ער טונקט זיך אָב אין אַ מוטנעם וואַסער. — אַזוי האָט די קולטור־טרעגעריי אין די ד׳ אמות פון דעם אידישען געטאָ פערלאָרען איהר רייצענדען קאָליר, איהר חן און חיות.

די קולטור־טרעגעריי פון דער מערב־אייראָפּעאישער אַסימיליאַטאָרישער אינטעליגענץ איז ניט בלויז אַ פּראַקטיק, זי איז אויך אַ טעאָריע. זי האָט זיך דערהויבען ביז צו אַ אייגענער אידעאָלאָגיע, ביז צו אַ אייגענער וועלט־אַנשויאונג. זי איז געוואָרען אַ קולטור־מיסיע, אַ קולטור־מעסיאַניזם. אַ מאָל אין די גוטע יאָהרען פון דער עמאַנסיפּאַציע האָט זי געטראָגען אויף זיך די אויף פּראַקאַט גענומענע, און מיט דימענטען אויסגעזעצטע, אָבער דאָך קעניגליכע מאַנטיע פון דער צוקונפט. איהר בלאַס געזיכט האָט זי בעדעקט מיט דער רויטער מאַסקע פון דער רעוואָלוציע. דער אידישער ניהיליזם איז געוואָרען ביי איהר אַ מקור פון ראַדיקאַליזם און וועלט־אומשטירצלעריי.

איהר ציגישען געלעכטער האָט זי פערטויבט מיט די וואַסערפּאַלען פון דער סאַטירע. איהר אינערליכע גלייכגילטיגקייט האָט זי איינגעפּאַקט אין דער פייערדיגער ראַם פון דער מליצה און ריטאָריק. געערדט האָט זי אין נאָמען פון דער מענשליכקייט און דער מענשהייט; די אידען גופא האָט זי גערופען צו אַ נייעם לעבען, צו אַ נייעם גלויבען, צו נייע קולטור־ווערטען און קולטור־איבערווערטונגען.

אָבער אונזערע היימישע מ י נ י אַ ט ו ר־קולטורטרעגער, — די משכילים, וואָס זענען פּלוצלונג „דעמאָקראַטען" געוואָרען און נאָך פּלוצלינגער — „נאַציאָנאַליסטען", — אונזערע היימישע מיקראָסקאָפּישע קולטור־טרעגער זענען געווען און געבליבען קליינליכע, פּראַקטישע געגענוואַרטס־מענשען. אָהן קולטור און אָהן יעדען קולט, אָהן יעדער פערגעטערונג. וואָכעדיג, און אָהן איין טראָפּען עקסטאַז, אָהן איין פונק פּאַטאָס, אָהן איין אוטאָפּישען פּלאַן, אָהן איין לעגענדע. מיט אַ „אוסטאַוו" און אָהן אַ פּראָגראַם, מיט פאָדערונגען און אָהן דעוויזען. אָהן פּערספּעקטיווען, אָהן זכרונות און אָהן טרוימען.

אָהן אַ אידעאָלאָגיע און אָהן אינערליכען אידעאַליזם. דער אידעאַליזם זייערער געהט ניט ווייטער פון קאַלטער פילאַנטראָפּיע און זיסער, ניט וועקענדער, נאָר איינשלעפערענדער, דעמאַגאָגיע. ביי איינע — פילאַנטראָפּישער דעמאָקראַטיזם, ביי אַנדערע — פילאַנטראָפּישער נאַציאָנאַליזם און ביי אַלעמען — פילאַנטראָפּישע „בילדונג", פילאַנטראָפּישע „קולטור"...

ווייסען זיי דען, אונזערע נאַציאָנאַל־פילאַנטראָפּישע „קולטור־טרעגער", פון שמערצליכע קולטור־בענקשאַפטען, פון גייסטיגען מסירות־נפש, פון גייסטיגען ווידערגעבורט, פון גייסטיגער רעוואָלוציע?

ניין: זיי פּאַסען זיך צו די בעדינגונגען. זיי שטעהען אייביג אויף איין אָרט, דרעהען זיך נאָר צוזאַמען מיט דעם ערד־קוגעל און בעריהמען זיך מיט זייער טרייהייט צום — „גאַנג פון דער געשיכטע". זיי האָבען נישט קיין פּערזענליכקייט און מיינען — זיי זענען אָביעקטיוו. זיי ציטערען זיך צו־צוהערען צו די אינערליכע קלאַנגען פון זייער נשמה — און פּראָקלאַמירען זעלבסט צופרידען: מיר זענען נייטראַל!

זיי שטעהען און „היטען" דעם עץ־הדעת פון דער „נאַציאָנאַלער טראַדיציע" און שרעקען זיך אַ האַנד אויפהויבען און רייסען פון בוים די פּרוכטען....

זיי שטעהען ביי'ם טיהר פון גן־עדן — פון דער פאָלקס־קולטור — און האָבען מורא אַריינצוגעהן: דער מלאך קאָן נאָך דעם שווערד אַראָבלאָזען... דער שלאַנג קאָן נאָך צורעדען... און זיי — קאָנען נאָר תשובה טאָן, — זינדיגען האָבען זיי מורא...

און זיי טראַכטען ניט, ווי זייערע עלטערע ברידער אין מעריב־אייראָפּע, וועגען דער מענשהייט: וועגען דעם האָבען זיי אַמאָל געטראַכט; איצט האָבען זיי חרטה.

— על חטא שחטאנו בקאָסמאָפּאָליטיזם!

ער, דער קאָסמאָפּאָליטיזם, דאָס וועלט־בירגערטהום האָט זיי, נאַרעלעך, אָבגענאַרט. מיאוס אָבגענאַרט. מעהר גלויבען זיי איהם ניט: אויס, איצט טוליען זיך אַ סך פון זיי צום כלל־ישראל: זאָל ער זיי, פערבלאָנדזשעטע שעפּעלעך, בעשירמען און בעשיצען!

און זיי טראַכטען ניט אונזערע קולטור־טרעגער, וועגען דעם מענשען. — וועגען דעם מענשען מיט אַלע זיינע בעגעהרען און פערלאַנגען, מיט זיין אייביגען וואַקסען און זיין אייביגען שטרעבען זיך איבערצוּוואַקסען, מיט זיין גאָטזוכעניש, מיט זיין אינערליכען דעמאָן, מיט זיין ציהען זיך צום הימעל און זיין תאוה, צו דער ערד, מיט זיין פערליעבט זיין אין זיך און אין דער קראַפט פון שאַפען...

זיי טראַכטען וועגען דעם מ ע נ ש ע ל ע — דעם קליינעם, דעם צונויפגעקאָרטשעטען, דעם שטילען וואָרם, דעם נחום־איש־גמזו־אַרטיגען: — ער פערלאַנגט ניט קיין סך, ניט פון אַנדערע, ניט פון זיך: ער וויל ניט זיין קיין איבריגער צדק, ניט קיין איבריגער רשע — אַ בינוני... ער וויל נור האָבען גוטע מדות — דרך ארץ פאַר גרויסע לייט און חשק צו קליינע, גאָר צו קליינינקע עבורות׳לעך. ער וויל זיין אַנ׳עהרליכער יגיע־כפּים׳ניק, ביי קיינעם, חלילה, ניט פערנעהמען, ניט אָנריהרען אַ פליג אויפ׳ן וואַנד, — האָבען אַ מלאכה אין האַנד און אַביסעלע „קענטעניסען“.

ער וויל, קורץ, שטאַרבען אין אייגענע תכריכים און... לייענען דאָס „טאַגעבלעטיל“.

אָט וועגען איהם, דעם עהרליכען יגיע־כפּים׳ניק, דעם אַרבייטענדען קליינבירגער און קליינבירגערליכען אַרבייטער, דעם נחום־איש־גמזו, וואָס וויל שטאַרבען אין אייגענע תכריכים, און לעזען דאָס „טאַגעבלעטיל“, — אָט וועגען איהם זאָרגען עס אונזערע גוטהערציגע „קולטור־טרעגער“, די כל המינים „מפיצי־השכלה׳ניקעס“, די רייכע און די אָרעמע, די „אַריסטאָקראַטישע“ און די „דעמאָקראַטישע“!

און זייער דעוויז איז: פּאָפּולער און ביליג!

— „אַ קאָפּיקע אַ היינטיגעס טאַגע־בלעטיל“!!

פערשידען זענען ביי די כל׳ערליי קולטור־טרעגער די מיטלען צו פערווירקליכען אָט דעם הילכיגען און ביליגען דעוויז, נאָר אין איין זאַך איז צווישען זיי אַלעמען ניטאָ קיין אונטערשייד: זיי אַלע האָבען נאָר מ י ט ל ע ן און נישט קיין צ י ע ל ע ן, נישט קיין זעלבסט־ציעלען. דער נאַציאָנאַליזם — אַ מ י ט ע ל צום דעמאָקראַטיזם, אַ

מיטעל נעהנטער צו־צוגעהן צום פאָלק, צו דער מאַסע ; דער „דעמאָקראַטיזם“ — דער דעמאָקראַטישער „זשאַרגאָן“ און „זשאַרגאָנישע“ ליטעראַטור — אַ מ י ט ע ל צו בילדונג... בילדונג — אַ מיטעל צו פרנסה... די אַלטע אידישע פרנסה!...

„די אַלטע גרויסע אידישע טאַרבע“!

ד.

די אַלטע גרויסע אידישע טאַרבע...

ווען וועלען מיר פון איהר אויסגעלייזט ווערען? — פרעגט ביי דער געשיכטע, אויב זי וועט אייך ענטפערען... פרעגט ביי די, וואָס גלויבען, אַז זיי, מיט זייער ווילען שמידען די קייט פון דער געשיכטע, — אויב זיי האָבען ווערטער...

אָבער די קולטור־טאַרבע, די קולטור־בעטלעריי — צו דען איז זי אויך אַן'אייביגע קללה, אַן'אייביגער קין־צייכען אויף אונזער צוקנייטשטען און צובלוטיגטען טויזענדיאָהריגען שטערען?

צו דען איז ניט בלויז דער גוף, נאָר אויך די נשמה אונזערע פערוועלקט געוואָרען? און דער מוח האָט אונז אויסגעדאַרט? און די נבאה אָבגעטאָן? און מיר קאָנען מעהר ניט גלויבען? און די פאַנטאַזיע איז פערלאָשען, — די „געטער־שאַפענדע“ פאַנטאַזיע פון אַזוי פיעל קעפּ, דער געניאַלער מוח פון אַזוי פיעל דורות, — פון משנה, פון גמרא, פון סעדיה גאון, פון כוזרי, פון רמב"ם, פון גר"א? די נשמה און דער ריח הקודש פון חומש, פון די נביאים, פון תהלים, פון דער אגדה, פון ר' יהודה הלוי, פון שבתי צבי, פון בעל־שם טוב?

צו דען פיהלט איהר ניט די חוצפה און דעם חלול־הקודש, וואָס ליעגט אין דער פראַגע?

ניין! אַזאַ פראַגע טאָר ניט געשטעלט ווערען. צו אונזער קולטור־בעטלעריי מוז נעמען אַן'עק. וואָס גיכער. די קולטור־טאַרבע מוז אַוועקגעלעגט ווערען אין מוזעאום אויב מיר ווילען אליין אהין ניט אַוועק.

מיר מוזען אויפהויבען די פאָהן פון ק ו ל ט ו ר, ניט פון ק ו ל ט ו ר ־ ט ר ע ג ע ר י י, — פון קולטור, אַלס ציעל, ניט אַלס מיטעל. פון קולטור, אַלס שאַפונג, ניט אַלס פערמיטלעריי, פון קולטור, אַלס היים פאַר אונזער גייסט.

זאָלען זיך עוסק'ן מיט דער קולטור־פילאַנטראָפּיע, מיט דער „ביליגער בילדונג“ אַלע גוטע און פרומע לייט: דער אויבערשטער זאָל זיי העלפען! מיר, ניט־פילאַנטראָפּען, ווילען פריהער ז י י ן, דערנאָך ערשט ג ו ט זיין. מיר ווילען ז י י ן און ב ע וו א ו ס ט ז י י ן. זעלבסט־בעוואוסטזיין. זעלבסט־ערקענטניס.

מיר מוזען האָבען לופט צו עטמען, לופט צו שאַפען. מיר קאָנען ניט דערשטיקען אין זיך די בענקשאַפט נאָך קולטור און קולטור־שאַפען. מיר ווילען זיך ניט אָבזאָגען פון די ליידען פון דער בענקשאַפט און פון דעם גליק פון דער בענקשאַפט.

מיר מוזען געפינען דעם שורש פון אונזער נשמה, אונזער אינערליכע זון; עס מוז אַ ליכט, אַ ניי ליכט אָנגעצונדען ווערען אין דעם „אוהל" פון אונזער פערגאַנגענהייט. מיר מוזען זיך צוריק איינפלעכטען אין די „גאָלדענע קייט..".. בעפרוכטעט און בעפרוכטעט ווערען מוזען מיר פון די געשטאָרבענע און די קינפטיגע דורות.

און ניט בלויז לויבען, נאָר אויך ליעבען אונזער קולטור ווילען מיר אַקטיוו און שעפעריש ליעבען. זי זאָל ווערען פאַר אונז אַ קוואַל ניט בלויז פון טרייסט, נאָר אויך פון בעגייסטערונג. ניט בלויז פון ערינערונגען, נאָר אויך פון האָפנונגען און נייען טרוימען...

* *

*

„נאָר שאַפענדיג קאָנען מיר פערניכטען".. אונזער דעוויז דאַרף זיין: שאַפעניג, פערניכטען. שאַפענדיג און שטילענדיג דעם דורשט צו שאַפען און געניסענדיג דאָס גליק פון שאַפען. דאָס גליק פון זעלבסט־אויסערונג, פון זעלבסט־בעשטימונג...

די אידישע אינטעליגענץ, וואָס וועט דערפיהלען ביי זיך אין האַרצען דעם וועהטאָג און דעם דורשט און די בענקשאַפט נאָך אָט דעם גליק, נאָך אָט דעם גליקליכסטען גליק, — די אידישע אינטעליגענץ וועט זיך אומקעהרען, וועט זיך מוזען אומקעהרען צו איהר מקור, צו זיך.

זי וועט ניט דאַרפען מעהר די קולטור „טראָגען": זי וועט זי שאַפען; דעם שאַפענס־גייסט האָט פליגלען: ער טראָגט זיך זעלבסט...

נאָר ווען וועלען שוין אויסוואַקסען די פליגלען?

ווי לאַנג וועלען נאָך דויערען די געבורטס־שמערצען פון אָט דער נייער אידישער אינטעליגענץ?....

מ. י. חאימאָוויטש:

ווען די בלעטער פאלען

ווען פון די בוימער זענען די בלעטער געפאלען, און שווער ווי אונטערגעשאָסענע פייגלען, זיך ארומגעדרייט אין דער לופט: ווען צו מערב זייט האָט זיך די זון גענייגט, — זענען פאר'ן הויז, אויף אַן אָפענעם גאַנאַק געזעסען דריי יונגע מענשען און שווייגענדיג פאר זיך געקוקט אויף דעם גאָלדענעם אסיענדיגען לאַנדשאַפט וואָס האָט זיך פאר זייערע אויגען אויסגעשפרייט.

— די בלעטער פאלען, — האָט גלייכגילטיג ארויסגערעדט א יונ־גער בראַנעט, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן פאַרענץ פון גאַנאַק און האָט מיט א מינע פון נאַכלעסיגער רוהיגקייט געררייכערט זיין פּאַפּיראָס.

— אַז די צייט קומט פאלען די בלעטער, — האָט דער צווייטער יונגער מענש אין ברילען אין דעם זעלבען טאָן צוגעגעבען...

— אַן אַלטע געשיכטע, — האָט דער דריטער א בלאָנדער אונ־טערגעכאַפּט, און האָט א מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד.

און אומעדום איז געלעגען דער אסיען:

די זון האָט גענומען פערגעהן, און די פלאַכע נאַקעטע פעלדער האָבען זיך געבאָדען אין בלאַסען און מעלאַנכאָלישען שיין, און אין דער ריינער לופט האָט זיך געשפּירט דער ריח פון געברענטע קאַר־טאָפעל קארטשעס, און דער ריח האָט אזוי ווי דערמאָנט אז אלץ פון די פעלדער איז שוין אראָפּגענומען געוואָרען — און אַז הויל און וויסט וועלען די פעלדער בלייבען ליעגען.

די בלייכע און קאַלטע שטראַהלען פון דער פערגעהענדער זון, האָבען מיט אַ בעזונדער שאַרפקייט זיך אויסגעלייגט איבער די געל־בע שפּיצען פון די בוימער, און האָבען די אויגען געשטאָכען מיט זייער קאַלטען גלאַנץ, ווי עס שטעכט אָפּט, א פלוצלונג געוואָרפענער שטראָם ליכטיגקייט, וואָס ווערט געוואָרפען אויף א פינסטערען פּלאַטץ.

אין דער מאַט־אָסיענדיגער ליכטיגקייט האָט זיך געפיהלט א פערגליווערטע רוהיגקייט, וועלכע שמעקט אָבער מיט לאַנגזאַמען אויסגעהן און פערלעשען. — און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַזוי ווי די גאַנצע נאַטור וואָלט איינהאַלטען אויף א ווײַלע דעם אָטהעם, אום זעלבסט ניט צושטערען די דרעמעלדיגע פערשלעפערטקייט און גלייכגעוויכט. —

און אין דער זעלביגער צייט האָט זיך אין דער לופט געפיהלט דאָס פערשווינדען פון דעם שעהנעם און בליהענדען זומער, און דאָס לאַנגזאַמע אָנקומען פון דעם אומעדיג־גרויען אָסיען. — און אַלץ האָט אזוי ווי גערעדט:

— נאָך אַ פּאָר אַזעלכע גאָלדענע פּאַרנאַכטען, און אַלץ וועט פערשווינדען — און וואָלקענס גרויע וועלען אַלץ פערוויקלען, און ווינטען בייזע וועלען אַלץ צושטערען.

די דריי פריינד זענען געזעסען ווי פערגליווערטע, און יעדערער האָט געפיהלט די שווערקייט און אפּטווידטענדע רוהיגקייט אויף דעם זעלבען שטייגער, און זייערע הערצער זענען אָנגעפילט געוואָרען מיט אַ געפיהל פון ווייכען און אונבעשטימטען טרויער נאָך דער יוגענד, זיעמענס בילדער, אַזוי ווי שאָטענס, לעבען אויף אין זכרון אין אַזעלכע אָסיענדיגע פּאַרנאַכטען, וואו יעדער אָטהעם פון וואַלד, און יעדער בלאָז פון שטילען ווינטעל בויערט און דראָטשעט דאָס האַרץ ווי אַ וואָרים און פערוויעגט די געפיהלען עפּעס אין אַ זינלאָזען לעטארגי־שען שלאָף.

— טרויעריג, טרויעריג, — האָט דער בראַנעט אָנגעהויבען אין דעם ווייכסטען טאָן נאָך אַ לאַנגען שטיל שווייגען, און האָט העפטיג נאָכאַנאַנד גענומען ציהען דעם רויך פון פּאַפּיראָס, אזוי ווי ער וואָלט מיט דער געמאַכטער העפטיגקייט וועלען פערדעקען זיינע סענטימענ־טאַלע געפיהלען, מיט וועלכע זיין האַרץ איז איצטער גראָד געוועזען אָנגעפילט, — טפוי! אָט די אָסיענדיגע וועטערען ווירקען אויף מיר זעהר שלעכט.... איך ווייס ניט צו אַלעמען פיהלט זיך אזוי צו מיר נור איינעם ? ... — עפּעס פיהלסטו אַזאַ פּ ר אַ ק ל י אַ ט ע ד ר אָ־ ט ש ע נ ע ש, און דיינע געדאַנקען ווערען אזוי שווער און אונבעוועג־ליך, — אַז צום טייפעל! ....

— יע, יע, — האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ דער וואָס אין די ברילען. — אזוי איז דאָס; אַלעמען גלייך פיהלט זיך כמעט דאָס זעלביגע: — די בלעטער פאַלען....

— אָ, איהר ווערט שוין סענטימענטאַל! — האָט דער בלאָנדער זיך אָנשטרענגענדיג צו זיין פריי, פרייליך און האַלב איראָניש אויס־גערופען, און ער האָט מיט אַ בעזונדער נאָכלעסיגקייט ארויסגעלאָזען דעם רויך, גראָדע פון ווינקעל פון מויל. — אָ, איהר פערקריכט שוין אין שטימונגען. — דאָס דערעסט! ....

נאָכדעם ווי יעדערער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס זייניגע, זענען זיי ווי פריהער געבליעבען זיטצען שטיל און אונבעוועגליך, בעהערשט פון אַ שלעפעריגע פוילקייט, און יעדערער פאַר זיך האָט געחלומ'ט און געבענקט נאָך אַן אַנדער און פערשיעדענעם לעבען....

דער בראנעט האט זיך אויפגעהויבען, און אריינטהוענדיג די הענד אין די הויזען־טאשען האט ער גענומען געהן איבערען גאנאק ארויף און אראפ, מיט דער מינע פון א מענשען וואס דאכט עפעס נאך, און ער איז אין דער מינוט פערנומען מיט דעם איבערקלעהרען, דאס וואס ער וועט באלד דארפען ארויסזאגען.

— איך פערשטעה אז איהר זייט נייגעריג צו וויסען, צו וואס אייגענטליך איך האב אייך היינט אבענד געדארפט האבען, — האט דער בראנעט אנגעהויבען, בלייבענדיג שטעהן פאר די צוויי פריינד, מיט א שמייכעל. — איך האב אייך, ברידער, וואס מיטצוטהיילען וואס עס וועט אייך אמווייניגסטען, אין דער ערשטער מינוט אינטע־רעסירען, — נור קומט אריין אין הויז, און לאמיר אפריהער נעמען אביסעל ווייו...

די צוויי פריינד האבען איינע די אנדערע אנעקוקט, און זייערע דורכווארפענדיגע בליקען האבען אזוי ווי געפרעגט:

— וואס איז דאס?....

די דריי פריינד זענען אריין אין הויז און האבען זיך געזעצט ארום טיש, אויף וועלכען עס איז געשטאנען א גרויסע גלעזערנע פלאש מיט בלוט־רויטען וויין אויף וועלכען די מאטע זונענשטראהלען זענען געפאלען און האבען זיך דארט אפגעשפיעגעלט און געשפיעלט אין פערשיעדענע פארבען.

שווייגענדיג האבען זיי אנגעגאסען די גלעזער, זיי אנגעקלאפט איינע אן די אנדערע — און געטרונקען.

דער ערשטער צו ריידען האט אנגעהויבען דער בראנעט.

דורכגעהענדיג זיך א פאר מאל איבערען צימער הין און צוריק אין א ביסעל אויפרעגענדיגען צושטאנד מיט א לייכטע פארב אין פנים און איינקוקענדיג זיי טיעף אין די אויגען, האט ער רוהיג ארויס־גערעדט:

— איך געה היינט פערלאבט ווערען!...

ביידע פריינד האבען איהם מיט אויסגעגלאטצטע אויגען אנגעקוקט.

— איהר קוקט מיך אן? — האט דער בראנעט געשמייכעלט — יע איך גלויב אז איך אליין וואלט אויך אזוי אנגעקוקט ווען איינער פון אייך וואלט פלוצלונג ארויסגעשפרונגען מיט אזא באנאלע ערקלעהרונג. — נור, נור עס איז פארט אזוי... איהר וואונדערט זיך נאך אלץ? — האט ער אויפהויבענדיג דעם טאן געפרעגט. — איהר וועט זיך אבער אויפהערען צו וואונדערען, ווען איהר וועט זעהן דער וועלכער איך האב פאר מיר אויף אייביג אויסגעקליעבען, — איך זאג אייך, אז דאס איז דאס לעבען אליין!...

— ווער איז זי? וואָס איז זי? וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלוצליכע רעוואָלוציאָן? — האָט דער וואָס אין די ברילען געפרעגט.

— איך וועל אייך אַלץ ערקלעהרען, — האָט דער בראָנעט געלאַסען און געצוויגען אָנגעהויבען. — „ווער זי איז“? ווייס איך אַליין אויך ניט „וואָס זי איז“? דאָס וועט איהר שפּעטער זעהען, זי וועט אַהער קומען.... ווייל ווי איך האָב אייך פריהער געזאָגט אַז איך געה היינט פערלאָבט ווערען, און איהר וועט זיין מיינע עדות.... און וועגען דער רעוואָלוציאָן וואָס אין מיר איז פאָרגעקומען, דאָס, גלויבט מיר, ווילט זיך אַליין קלאָהר מאַכען היינט אבענד... איינמאָל פאַר אַלע מאָל!....

— מיר איז דיר שווער צו פערשטעהן, — האָט דער בלאָנדער געזאָגט — אום צו פערשטעהן און פיהלען דיין קאָמישע לאַגע מוז איך אַפּילו טרינקען.

—ער האָט רעכט, — האָט איהם דער וואָס אין די ברילען אונטערגעהאַלטען.

און די פריינד האָבען געטרונקען.

און ווען דער דאַמפּף פונ׳ם וויין האָט זיך ווי אַ טומאַן איבער אַ טייך ביי זיי אין די קעפּ אויפגעהויבען, און אַלץ דאָרט פאַרצויגען: זענען זייערע אויגען שמעלער און רויטער געוואָרען, די געזיכטער מעהר לעבעדיגער און די צינגער פרייער; און דער וואָס אין די ברילען האָט אָנגעהויבען מיט אַן אומעדיגען טאָן:

— יע, ברודער לעבען, דו ביזט פיליכט גערעכט... דו געהסט אַהין וואוהין אַלע מענשען געהען: — אַהין וואו די מענשען ווערען סאָליד און קריגען גראָבע בייכער מיט פעטע ליפּען... דיר ציהט צו די פהיליסטער. — געה!... געה!...

— מיר דוכט זיך אַז איהר פערשטעהט מיר ניט, — האָט איהם דער בראָנעט מיט הארץ איבער געשלאָגען. — און עס ווילט זיך מיר אַז היינט אבענד גראַדע זאָלט איהר מיר פערשטעהן און פיהלען. עס ווילט זיך מיר היינט אבענד ענטפּלעקען מיין גאַנצע נשמה, און זאָל זי פאַר אייך נאַקעט בלייבען, און פיליכט וועט אָט די נאַקעטקייט אין אונז ארויסרופען אַ געפיהל פון שאַנדע פאַר׳ן לעבען, וועלכען מיר פאַרפלעקען און פערלוימדען....

— מיין גאָט וואָס טהוען מיר מיט אונזער לעבען!? — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשריען, און האָט זיך געכאַפּט פאַר׳ן קאָפּ. — וואָס טהוען מיר אָט מיט דעם גרויסען יום טוב? ! אָט מיט דער לופט, מיט דער זון, מיט אַלץ וואָס אונזערע אויגען זעהען?... וואָס טהוען מיר מיט זיי?.... איהר ווייסט וואָס מיר טהוען מיט דאָס אַלץ?... מיר מאַכען דאָס אַלץ פאַר קראַנקע שרעקענס בילדער!...

ניט מיר זענען קראנק, מאטערען מיר זיך איינצובילדען, נור די וועלט איז א קראנקע... און אזוי וואנדערען מיר אט אין דער קראנקער וועלט, זוכענדיג אין דער צייט נייע וועגען נייע פארמען, דעם נייעם נאך ניט געבארענעם אפאסטאל וואס וועט פון זיין פעדיסטאל אויסקלינגען דעם גרויסען ערהאבענעם נייעם ווארט וואס וועט אפקלינגען פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען, וואס מיט איין מאך פון זיין האנד וועט ער אפשטעלען די זון... און ווען ער וועט זאגען: מענש ווער א פרייער אינדיווידיאום! — וועט א ציטער טהון די ערד, און מיר, אלע מענשען וועלען מיט א מאהל ווערען געהיילט און פריי... מיין גאט! דאס איז דאך אבער דער גרעסטער טעות!... אין דער זעלביגער צייט וואס מיר לויפען נאך אונזער לייכטזין, פיהלען מיר אבער ניט ווי גרינג אונזערע טריט זענען, ווי הויל און פוסט אונזערע נשמות זענען, — און ווי קענען מיר ווערען פריי, ווען מיר טראגען פון געבארען־טאג אן דעם טוידט אין אונזער הארצען?...

— און אט דאס איז דער צושטאנד פון דעם מאדערנעם מענשען, — האט ער ווייטער גערעדט — איך אבער פרעג צו וואס פיהרען אונז אט די נערוויישע רעגונגען?.... הערט מיר ווייטער! — האט ער מיט א מאהל אויסגערופען בעמערקענדיג ווי דער בלאנדער האט א לאנגען גענעץ אויסגעצויגען, און האט ווייטער גערעדט:

— אין די פינסטערע טעג פון פוילקייט און גלייכגילטיגקייט, ווען דער קאפ ווערט שווער ווי א בארג, ווען פאר די אויגען שטעהט נאך פאר ווי לעבעדיג די פערגאנגענע נאכט, און ווען אין מויל איז זויער, און די געדאנקען זענען טעמפ, דאמאלס ווען פון פוילקייט און ניט וויסען וואס צו טהון צעהלסטו די ברעטער פון סטעלע אויף היין און צוריק, — דאמאלס עפעס ניט ווילענדיג טהוט זיך א קוק אויף הינטער און א סקרוך געהט איבער איבערען לייב....

איך האב דארט ניט לאנג א קוק געטהון און א שרעק האט מיך אנגעגריפען.... איך האב דארטען אין דעם וועג וואס איך בין נור וואס געגאנגען געזוכט מיינע איבערגעלאזענע טריט. — נור מיין גאט וואו זענען דאס די צייכענס פון די איבערגעלאזענע טריט!... פערשוואונדען!... אזוי ווי קיין מענש וואלט דארטען ניט געגאנגען, עפעס אזוי ווי א שאטען, און אט האב איך א קלעהר געטהון, אז אין מיר איז קיין פלייש און בלוט ניטא, און איך בין ניט מעהר ווי א שלאפע אפשפיעגלונג, א שאטען ... און מיין בלוט האט דער וואמפיר אויסגעזויגען... — דא האט ער זיך אביסעל אפגעשטעלט, דורכגעגאנגען היין און צוריק, און האט ווייטער אין דעם זעלביגען טאן פארטגעזעצט:

מיט א וואָך צוריק ווען טאקע מי זאלבעדריט זענען געוועזען אָט ביי די „סאנקעס“ און „מאנקעס“. און איך זייענדיג דאמאָלס אביסעל פער׳שכור׳ט האָב מיט א מאָהל דערפיהלט א שוידערהאפטען עקעל מיט אזא טריוויאלע שלאפקייט, אז איך האָב בשעת מעשה אין מיינע אייגענע געדאנקען אויסגעזעהן ווי א צופוילטע צוקראָכענע בעשעפעניש — עפּעס א בעשעפעניש וואָס איז אָהן א ציעל און ווילען!....

אין שוואך בעלייכטענעם צימער איז אויפ׳ן בעט געלעגען א האלב נאקעטע, ניט גאָר קיין יונגע פרוי מיט אָנגעפּארבטע ברעמען און ליפּען, מיט אן אָנגעפּוידערטען לייב, פון װעלכען עס האָט געשמעקט עפּעס א טוכלער ריח פון א ביליגען פּארפיום, צונויפגעמישט מיט דעם זויערען ריח פון לייב און שוויים... געלעגען איז זי אין יענער געקינצעלטער נאכלעסיגער פּאָזע וואָס רייצט ביז צום ליידענשאפטליכען וואהנזין, ווען מיר זענען פּאלקאָם געזונט און פלייש־דורשטיג, אָבער פילט אָן אונזער וועזען מיט אן אבשייליכען עקעל ווען מיר זענען איבערזעטיגט און ווילענלאָז.... איהרע גוט געפאָרמירטע און אביסעל דיקע נאקעטע פיס, זענען געוועזען ווייס, — שוין צופיעל ווייס, אז זיי האָבען אזש אויסגעזעהן ווי די פיס פון א טוידטען קערפּער, און פון זיי האָט זיך טאקי געפיהלט די פערגליווערטע און גליטשיגע קאלטקייט פון אויפגעלייזטען לייב!... און א איבעלדיגע גליטשיגע קעלט איז איבער די נערוען דורכגעלאָפען... איהרע אָנגעווייסטע בריסט זענען ווי אסיענבלעטער וויאלע אראָפּגעהאנגען, און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי פּענכערס ווען עס הייבט אָן פון זיי ארויסצוגעהן די אָנגעבלאָזענע לופט..... און איהרע אויגען, דאכט זיך מיר סארע, האָבען אזוי טעמפּ און פערגלעזערט געקוקט, אז עס האָט זיך געקלעהרט אז אזוי מוזען קוקען די אויגען פון אן אויסגעהענדע רויב חיה!... און איך, און איך האָב דאָס געזעהען, אויף איהר געקוקט, און געפיהלט, און געפיהלט די טויטקייט ארום זיך!...

און עס איז מיט מיר דאמאָלס געוועזען גלייך ווי איך וואָלט פערוואָנדעלט געוואָרען אין גרויער פּוסטקייט, אָדער עפּעס אין א זינלאָזען רויך... ניטאָ קיין איין פונק לעבען! ניטאָ קיין שטרעבען! אלעס ליעגט עפּעס אונטער א וואסערקאלירדיגען שלייער פון פּוסטקייט, און טעמפּקייט!... און זי מיט איהר טוידטווייסען לייב, מיט די בלויע קוים מערקבארע, אָדערלאך, מיט׳ן פערלעגענעם גערוך ליעגט דאָ נעבען מיר!... ניטאָ קיין לעבען, ניטאָ קיין לעבען! אלץ איז צוקראָכען טריוואל און טוידט, האָט אין מיר אינווענדיג א קול געשריען, און מיין פערטומאנטער מארך האָט זיך אזוי ווי אָנגעצונדען,

דערפיהלענדיג מיט אמאָהל אַ פיינליכען שמערץ... און מיר איז דאַמאָלס געוואָרען צומוטה אזוי ווי אַכאַפּ טהאָן איהר בייניגען ווייסען האַלז און איהם אָפּדרעהען פון נאַקען!...

איך האָב זיך פאַר דעם געדאַנק אליין דערשראָקען, און אום צופערטומלען איהם בין איך גיך צוגעלאָפען צום פענסטער עס אויפגעריסען און אַרויסגעקוקט אין דרויסען שעפּענדיג מיט דער פולער ברוסט די פרישע לופט.

— אַ נאַכט אַ שעהנע, אַ פרישע מיט אַ דונקלען שלייער פון ווארימקייט און צוטרויליכקייט, האָט מיך אין פענסטער בעגעגענט, און מיין ברוסט האָט פרייער גענומען אטעמען...

— איך זאָג אייך, ברידער, אַז עפּעס ליעגט אָט אין די טונקעלע, אויסגעשטערנטע אסיען נעכט!... איך האָב ניט זעהר ליעב לבנה נעכט, ווייל זיי די לבנה נעכט, ווירקען צו שאַרף, און ריידען מעהר צו אונזער פסיכיש קראַנקער איינבילדונג.

— אָבער ניט אַזוינע זענען די טונקעלע אָסיען נעכט !....

פון די אַסיען נעכט וויהעט עפּעס אַזעלכע האַרציגע סודות, אַזעלכע צוטרויליכע, אַזוי ווי זיי וואָלטען געגלעט מיט אַ בעזונדער צאַרטקייט דער נשמה, און עס דוכט זיך, אַז אין דער דונקעלקייט פון דער נאַכט ליעגט עפּעס פערבאָרגען אַזאַ זאַך, אַזאַ לעבען, און דאָס האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַזאַ שעהנעם לעבענס בעגעהר און לוסט!... און אָט אַזאַ נאַכט האָט מיך בעגעגענט, און אין מיין האַרצען האָט זיך עפּעס אויפגעכאַפּט, אויפגעשפּרונגען, — און עס האָט זיך מיר געקלעהרט, אַז דאָס לעבען איז פראַכטיג שעהן, און ער איז נאָך פאַר מיר אין גאַנצען ניט פערלאָרען, אַז אַרויסקריכענדיג פון דעם זומפּ פון פאַרנאַנדער־געשוואומענקייט, אַז בעפרייענדיג זיך פון דער עראַטישער ליידענשאַפט, פון וועלכע דער גרונד איז: ווילענסלאָזיגקייט, טוכלעקייט און צופוילטקייט, — קען איך זיך נאָך בעהעפטען מיט דעם אמת ריינעם לעבען, וועלכען אַלע מענשען האָבען אין גרונד אַזוי ליעב.....

און אין יענער נאַכט איז ביי מיר געבליעבען, אַז איך זאָל ליעב האָבען דעם לעבען פון דער ערד, אַז איך זאָל זיך חאָטש קניען פאַר איהם אום איהם צוריק צו ערווערבען, — ווייל איך האָב זעהר פיינט דעם טוידט אין לעבען.... און איך געה פערלאָבט ווערען מיט דעם נייעם און אייביג פרישען לעבען !.... — האָט ער מיט אַ מינע פון נצחון אויסגעלאָזען.

עס האָבען אויף איהם געקוקט די צוויי פריינד מיט זייערע פערטרונקענע אויגען, און עס האָט אויסגעזעהען אַז זיי מיטפיהלען איהם און דאַכטען נאָך.....

— „פון דעסטוועגען איז ער א נאַר, — האָט דער בלאָנדער געקלעהרט קוקענדיג דורך דעם אָפענעם פענסטער אויפ'ן דונקעל־פורפורנעם האריזאנט. — אזוי ריידען אלע פּאַעטישע נאַטורען, און פאַלגליך נאַרען..... נור דאָך, נור דאָך, איז פּאַרט אומעדיג.... ווירקליך, אַט די אסיענדיגע לופט און ליכט ווירקען זעהר שלעכט"....

— יע, יע, עס איז דער גרעסטער קאטצעניאמער, — האָט דער וואָס אין די ברילען געקלעהרט. — נור וואָס ? .... גאַרנישט און גאַרנישט ! ...... עס איז אומעדיג און לאנגווייליג ביזט צום געגעצען, — און די אסיענדיגע לופט ! ! ..

—עך ברודער, האָסטו אונז געהאַלטען א לאנגען „דעןפּראפונדים" ווי מען רופט עס אָן, — האָט דער בלאָנדער גענעטצענדיג אזוי ווי צווישען די ציין דורכגעזייט, — עך, עך!...

— צום טייפעל, דו האָסט אויף מיר א געפעהרליכע מרה שחורה אַרויפגעוואָרפען, — האָט דער וואָס אין די ברילען געלאַסען געזאָגט.

דער בראָנעט איז אזוי אויפגעבראַכט געוואָרען פון זייער שלאָפענדיגקייט און קאַלטקייט, אַז ער האָט אָנגעהויבען מיט א ביטערן טאָן :

— אַט דאָס איז דאָך דער אונגליק מיט אונז אלטע אָפּגעלעבטע ציניקער!..... איך וועט אייך אַז איהר פיהלט אויך דאָסזעלביגע וואָס איך, נור, נור איהר בעהאַלט זיך, — האָט ער אויפגעהויבען דעם טאָן, און מיט שטייגענדען פּאַפּאָס ווייטער גערעדט: מיר אַלע זענען א פערדאַמטע באַנדע אונטערצינדער!..... אונזערע אייגענע לעבענס האָבען מיר אונטערגעצונדען און עס אוועקגעלאָזען מיט'ן רויך, און איצטער דערברענען נאָך די חורבות!... זעהט קינדער ! — האָט ער מיט א מאָהל אויסגערופען אריינטהועענדיג די האנד אין די לאַנגע שווארצע האָר און ווייזענדיג זיי ווי צווישען די פינגער האָבען אַרויסגעשטעקט א פולע האָר מיט טרוקענע וואָרצלען. — זעהט ! קיין פינף און צוואנציג יאָהר נאָך ניט אַלט, און די האָר קריכען אויס הויפענווייס!... ביי מיין זיידען האָט אפילו פאַר'ן טויט איין איינציגע האָר ניט געפעהלט, מיט די ציינער וואָלט איהר ביי איהם קיין האָר ניט אַרויסגעריסען!..... און איך דער פּאַרזעטצער פון דער זעלביגער פּאַמיליע, בין צו פינף און צוואנציג יאָהר צובראָכען אי קערפּערליך אי גייסטיג — ניין חברה מיר מוזען א נייעם לעבען בעשאַפען!... מיר מוזען, איהר הערט ? ! ...

א נייעם לעבען בעשאַפען!... מיר מוזען, איהר הערט ? ! ...

— עך נאַרישקייט, — האָט דער בלאָנדער געזאָגט, — קומט אַרויס אויפ'ן גאַנאַק, דאָ שטיקט זעהר....

זיי זענען אַרויס.

אין דרויסען האָט געגומען פינסטערער ווערען. ווייט אין מערב זייט איז נאָך דער הימעל רויט געפאַרבט געוועזען, און די רויטקייט האָט דערמאָנט עפּעס אַ דערברענענדע שׂרפה: — בלייכער און דונקעלער איז דער האריזאָנט געוואָרען, זיך פאַרוועבענדיג, מיט עפּעס אַ קאָלירלאָזען שלייער, — און דער הימעל איז געוועזען אַ קלאָהרער און ריינער. —

די דריי פריינד האָבען זיך געפיהלט עפּעס שווער, און יעדערער האָט געקוקט גערדאַנקענלאָז פאַר זיך אין דער, זיך וועבענדיגער דונקעלהייט. מעהר אויפגערעגט און אין דער זעלבער צייט אויך גערייצט איז געוועזען דער בראַנעט: ער איז אַרום געגאַנגען הין און צוריק און זיינע אויגען האָבען געבלאַנדזשעט צווערקלאָז אין דעם חלל. דער קאָפּ האָט איהם אַביסעל געדרייט, און די געפיהלען זענען אַזוי ווי צוגעטעמפּעט געוואָרען, און שלאָף האָט אין זיין זינען געטליעהעט דאָס בעוואוסטזיין, פון זיין ליעבע, צו דער ,מיט וועלכער ער געהט פערלאָבט ווערען, — און געפיהלט האָט ער ווי דער בין השמשות רוקט זיך אַן אין זיין לעבען קעגען זיין ווילען —

— ברידער, זי געהט ! — האָט ער מיט אַ מאָהל אויסגערופען, — אָט איז זי ! . . . .

ווי אַ פרישער ווינטעל צושפּאַלט אָפּט די געדיכטע הייסע לופט, ווי אַ פּלוצלינג געגומער אַקאָרד, גיעט אָפּט דעם הארצען אַ צופּ, אַזוי האָט איהר פּלוצליכער ערשיינען אויף זיי געווירקט, און זיי האָבען איהר אָנגעקוקט.

און זי: — אַ יונגע, אַ פרישע מיט הייסען לעבען אין יעדער בעוועגונג, און מיט ריינע ליעבעס-לוסט אין יעדער גליעד, איז פאַר זיי געשטאַנען און זיי שמייכלענד בעגריסט.

זי האָט דורך און דורך מיט לעבען געאָטהעמט, און עס האָט פון איהר געשמעקט בליהענדער מיי... איהרע שעהנע אויגען האָבען דעם פריהלינג פון לעבען אין זיך געטראָגען, און אַלץ האָט זיך אין זיי ייַנֻריגט: עס האָבען געבליהט די בלומען, און די בוימער זענען געדיכט בעוואַקסען געוואָרען, — און די פעלדער און די פעלדער...

און עס האָבען פערגעסען די פריינד אַז איצטער איז אָסיען, — ווארים די לופט האָט מיט פריהלינג געשמעקט...

— אַ, אַ — האָבען די פריינד געשטוינט.

אין דער מינוט האָט זיך אַלץ פערענדערט: אַלץ איז עפּעס געוואָרען שעהנער און בעסער, און זייערע הערצער זענען אָנגעפיהלט געוואָרען מיט יענעם אויפברויזענדיגען געפיהל וואָס בעווייזט זיך, ווען אין די טרויערדיגע מינוטען פון גלייכגילטיגקייט און

וואָכעדיגקייט פאַלט פּלוצלנג אריין, ווי בינטלאך שטראַהלען, הויפענס טענער פון א נאָהענטען אָרקעסטער. —

אלץ אין דער וועלט האָט פאר די פריינד אויסגעזעהן צו זיין מעגליך, און אויף אלץ וואָלטען זיי זיין פאַרטיג.

— צום טייפעל, איך דומקאָפּ וואָס איך בין! — האָט דער בלאָנדער אין הארצען זיך פאַרוואורף געמאַכט. — וואו זענען דאָס מיינע אויגען געוועזען?... עך, איך טויג שוין אויף צרות... ניט גוט, ניט גוט!....

— „וואו עס קומט דאָס לעבען דאָרט פערשווינדעט דער טוידט, — האָט פילאָזאָפיש דער וואָס אין די ברילען געטראַכט, — און איך האָב דוכט זיך מיר אויף אָבעלעבט, — איי, איי די יוגענד!“....

— „מיין הארץ פרעהט זיך, — האָט זיך דעם בראָנעט געקלעהרט קוקענדיג אויף איהר. — אך ווי יונג זי איז, ווי פריש!“... „איך, איך בין אָבער אָפּגעלעבט, — האָט ער ווייטער געקלעהרט און א סאַרער וואָלקען האָט זיך אויף זיין געמיטה פערצויגען, — און זי, און זי איז א פייער שפּריטצענדער בארג!... וועל איך, אָפּגעלעבטער קענען בעפריעדיגען אזא ברען אזא פייער?... אָ?...

און דער פרייליכער און זאָרגלאָזער פּלוידער האָט זיך פון איהר מויל געריסען, און עס האָט אזוי ווי זילבער קלאנג אָפּגעהילכט אין דעם שעהנעם און שטילען אַסיען פארנאַכט.

זי האָט אויף זיי געקוקט און פון זיי געשפּאָט, וואָס זיי זעהען אויס ווי די געלע אראָפּגעפאלענע אסיען־בלעטער, וואָס זייערע שטערענס זענען מיט קנייטשען באדעקט, און די אויגען אויסגעלאָשען.

און עס האָט געטראָפען אז אלץ וואָס אויפגעלעבטער און פרייליכער זי איז געוואָרען, אלץ מעהר אומעדיגער זענען די דריי פריינד געוואָרען: — צו שטארק און שארף האָבען זיי פאר זיך דעם לעבען געזעהען!....

אלע דריי האָבען געפיהלט ווי א שווערע משא דריקט זייערע הערצער, ווי א פינסטערער קאשמאר פּייניגט זייער גייסט. עפּעס אונבעוואוסטעס, עפּעס שאַטענדיגעס האָבען זיי געפיהלט הינטער זיך, — און וועלען זיי די קעפּ אָפּקעהרען, דאמאָלס טרעפען זייערע אויגען דעם טוידטען־מדבר — און ווערען פערגליווערט.

— „עס געהען דאך שוין אויס מיינע האָר, — האָט דער בראָנעט אלץ קוקענדיג אויף איהר געקלעהרט, — צו שפּעט, צו שפּעט“...

דאָס הארץ האָט איהם פארקוועטשט, און זיינע געדאַנקען האָבען זיך אוועקגעטראָגען אויף צוריק — אין דער פערגאנגענהייט. און דאָרטען אויפ'ן ליכטיגען גרונד פון דעם עבר האָט ער זיך זעלבסט

געזעהען שטעהענדיג, א יונגען א פרישען, ארום גענומען מיט ליכטשטראהלען פון לעבען, — און איבער זיין קאפ הייגגט די זון.

און ער האט זיך אין געדאנק צוגעגלייכט צו יענעם וואס שטעהט דארטען ווייט אין זונענשיין, און זיין הארץ האט אויפגעציטערט.— מיין גאט! — האט ער אין געדאנק אויפגעשריען. — ווי ווייט!.. ווי ווייט!...

ער האט זיך ארומגעקוקט. —

און אומעטום ליעגט דער אסיען: עס שטעהען פערגליווערט די בוימער אין זייערע אראפפאלענדיגע געלע בלעטער און פלאך ליעגען די ווייסע פעלדער, און דארטען ווייט האט זיך די זון פערקייקעלט, און דער הימעל איז א קלאהרער און ריינער! — נור אבער יעדער אויגענבליק קען דער הימעל זיך פערוואלקנען, און דאמאלס ליעגט אלץ טוידט און וויסט"!...

— „איז זי דען ניט צו מיר אביסעל שפעט געקומען"? — האט ער זיך א פרעג געטהאן.

— שפעט, שפעט, — האט ער אין איהרע אויגען אזוי ווי געלייענט, און זיין הארץ איז אפגעשטארבען.

— „עס ווילט זיך וויינען", —האט דער וואס אין די ברילען צו זיך אליין געזאגט. — עפעס שטיקט, עפעס דריקט, — און ווייס דער טייפעל וואס דאס איז"!.....

— „און עס איז דאך זעהר אומעדיג", — האט דער בלאנדער צו זיך אין הארצען געזעדט. —און וואוהין געהט מען היינט?... צו די „מאנקעס און די סאנקעס"? טפוי!... זיי דערעסען שוין אויך! אבער וואוהין פארט?....

— עך, בריעדער! — האט דער בלאנדער מיט א מאהל אויסגערופען אויפשפרינגענדיג פון זיין ארט. — עך ווי צוקראכען מיר זענען אלע געווארען! קומט ברידער, לאמיר אין ערגעץ אלע געהן, — עס איז, ביזט צום פערדאמטען טוידט, אומעדיג!... קומט!...

און די איבעריגע האבען שלאף געפרעגט:

— וואוהין, וואוהין?....

ידידיה מרגולית:

ווידוי.....

דער טאָג פערגעהט, שוין מעריב צייט;
עס רוקט זיך נעהנטער פון דער ווייט
דער חשך אָן..... איך האָב פערבראַכט
דעם גאַנצען טאָג ביז אין דער נאַכט
אין פוסטען טומעל פון דער גאַס.
עס האָט בעגלייט מיין אויג מיט האַס
דעם רעש פון מענשליכען געזונד.
שוין נאַכט.... אליין בין איך אצינד...
איך בין אליין איך וויים ניט וואָס,
צו טיעפער טרויער, צו פערדראָס,
און אפשר עלענד דריקט מיין הארץ?
איך זעה די נאַכט אין פענסטער שווארץ....
עס איז פערגאַנגען מיר דער טאָג —
עס לייגט מיין זינען אויף דער וואָג
די מעשים, וואָס איך האָב געטהאָן....
אַ ווילדעס גרוילען גרייפט מיך אָן! — —

איך האָב גענאַרט מיין חבר און געלייגט,
און פאַר דעם פויסט זיך טיעף געבויגט,
געשענדעט וואָס איך האָב געקענט —
די טומאה האָט אין מיר געברענט!
איך האָב גע'גנב'עט שטילערהייד
מיט גוטע און מיט זיסע רייד
דאָס הארץ, דעם ווילען פון מיין פיינד,
און מיין געזיכט האָט דאַן געשיינט
מיט שטילער איבערגעבענהייט,
— ווען אין מיין בוזים איז בערייט
געלעגען דאָרט פאר איהם געפאהר —
איך האָב געשפּאָט אוים איהם: דעם נאַר!
אַ בייז געלעכטער האָט געשטיקט
מיין האַלז, איך האָב איהם אונטערדריקט;

און ווי אַ מאַמע וויעגט איהר קינד,
פערוויעגט האָב איך מיין פיינד; עס רינט
דאָס בלוט פון טיעפען וואונד; ער זעהט
וואָס איז געשעהן, נור ס'איז שוין שפּעט.
איך קוק אויף איהם, ווער ניט פערשעמט
און וואַש זיך רוהיג מיינע הענד.

צו דען פון דעם האָב איך געטרוימט,
ווען ס'יוגענד בעכער האָט געשוימט?
צו איז געוועזן אַזוי בעטריבט
מיין גייסט, ווען איך האָב נאָך געליעבט?
עס איז שוין טיעפע, בלינדע נאַכט,
איך ליעג אַ מיעדער, און פערשמאַכט,
איך שלאָף ניט — ווערט מיין אויג זיין צו,
ווערט אויך ניט קומען דאַן א רוה
אויף מיין בעטריבטען, שוואַרצען גייסט:
חרטה נאַגט מיין האַרץ און בייסט.
אַ קום, דו חלום פון אַ מאָהל!
אַז ניט, וועל איך אין דיעזען טהאָל
פערשמאַכטען ווי אַ קראַנקע בלום,
ווען ווינטען שטורמען איהר ארום!.....

י. י. שוואַרץ:

אין א ווינטערנאכט

ברענען די בראָזאָווע שייטלעך אין קאַמין,
שליינגעלט זיך, קרויזט זיך דער רויט-בלויער פלאַם; —
גליהען די בלומען פון אייז אויף די שויבען,
צינדט זיך פון פענסטער די פינסטערע ראַם...

שעפּטשען די גליהענדע קויהלען און שעפּטשען,
לויכטען אין דונקעלען שפּיעגעל זיך אָב;
לעגען זיך גאָלדענע פאַסען אין צימער,
וואַרפט זיך דער פלאַם אויף דעם מיידעלשען קאָפּ.

ברענען און גליהען די אויגען אין פייער,

פינקלען די האָר אין אַ גאָלדענעם שיין,
שפּריצען מיט שטראַהלען די זיידענע ברעמען —
פלעכטען זיך שטראַהלען אין פונקען אַריין...

חלומ'ט דער צימער אין ליכט און אין שאָטענס —
רייסט זיך אין דרויסען דער שטורמענדער ווינד,
פאָכעט די נאַכט מיט איהר טויט־שוואַרצען פליגעל,
קוקט דורך דעם ווייסען גאַרדין אַריין בלינד...

קלאַפּען די הערצער מעלאָדיש צום ריטהם,
לעבט אַ געפיהל אויף אין האַרצען ביי־זאַכט —
דאנק אייך, איהר ליכטער, איהר שאָטענס אין צימער,
העללער קאָמין אין דער פינסטערער נאַכט....

י. סלאָנים:

עדגאַר עללען פּאָו

(צו זיין הונדערט יעהריגען יובילעאום)

א.

הונדערט יאָהר ווערט דיעזען מאָנאַט זינט עדגאַר עללין פּאָו איז געשטאָרבען. קיינע פאָלקס פערזאַמלונגען וועלען ניט געהאַלטען ווערען אין עהרע פון דעם טויטען דיכטער, אין די סקוהל'ס וועט קיין יום־טוב פון זיינעטוועגען ניט געפייערט ווערען און אין די אוניווער־זיטעטען וועט דעם פערשטאָרבענעם דיכטער'ס אנדיינקען ניט גע־עהרט ווערען. ווען לאַנגפעלאָוס מעמאָריאַל־טאָג איז אָבער פאָרגעקו־מען מיט צוויי יאָהר צוריק, איז דער טאָג געווען אַ יום־טוב פאַר דעם גאַנצען לאַנד, אין די סקוהלס האָט מען לאַנגפעלאָוס אנדיינקען גע־פייערט ווי דעם אנדיינקען פון אַ הייליגען, אין פיעלע קאָלעדזשעס און אוניווערזיטעטען איז לאַנגפעלאָוס נאָמען אָבגעגעבען געוואָרען די גרעסטע, די שעהנסטע עהרע. עס איז געווען אַ פאָלקס יום־טוב, אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב. און דאָך איז ניט לאַנגפעלאָו דער גרעסטער אַמעריקאַנער דיכטער, דער אָריגינעלסטער אַמעריקאַנער קינסטלער,

נור עדגאר עללען פאו — פאו וועמעס נאָמען ווערט אזוי קאַלט אזוי פּראָסטיג דערמאָהנט אין די צייטונגען, פאָו וועמעס אנדיינקונג־פייע־רונג, לויפט פערביי אזוי שטיל, אזוי רוהיג, אזוי האַרצלאָז.

אָן אייגענעם וועג האָט פאו זיך בעשאַפען, אָן אייגענעם לייטער האָט פאו זיך אויסגעבויעט, אַ לייטער פון דער ערד צו דעם הימעל, אַ לייטער אויף וועלכען די מלאָכים פון געזאַנג פלעגען ארויפגעהן און אראָפּגעהן, און ניי איז געוועזען זיין וועג, מיט נייע בוימער פערפלאַנצט מיט נייע בלומען בעציערט — און די מענשען, די קאַלטע, די ערדיש־פלאַכע מענשען מיט אויגען פון מילבען האָבען ניט געקענט זעהן זיין וועג, האָבען ניט געקענט פיהלען דעם דופט פון זיינע בלומען, האָבען ניט געקענט פערנעהמען די שעהנקייט פון זיינע בוימער, און זיי האָבען אויף זיינע בלומען געטראָטען, און זיי האָבען זיינע בוימער געשניטען און זיי האָבען זיין וועג פערמיסטיגט, דאָך צווייבעריש זענען געווען זיינע בלומען, דאָך כישופ'דיג זענען געוועזען זיינע בוימער און הערליך זענען זיי געבליבען, און פרעכטיג זענען זיי געבליבען, אָן אייביגער אוצר, אַ אונשאַצבאַרער שאַץ פאַר דער קומענדער מענשהייט, פאַר די מענשהייט מיט אויגען פון ענגלען, פאַר די מענשהייט מיט שעהנקייט אין האַרצען, און מוזיק אין נשמה — די מענשהייט וואָס מוז קומען.

ב.

פינסטער, טרויעריג איז געוועזען דער לעבען פון אַמעריקא'ס גרעסטען דיכטער, פינסטער ווי אַ פוילע אסיענדיגע נאַכט, טרויעריג ווי דער שוואַרצער קבר, שוידערדיג ווי זיין קרוין־געדיכט — די ראַב.

און די ראַב, זי זיצט נאָך אימער, און איהר האַרץ איז שוואַרץ מיט קומער,
אויף דעם בלאַסען ביוסט פון פּאַלאַס, הויך איבער מיין צימער־טהיר;
און די אויגען איהרע שטאַרען, ווי אַ טייפעל אין געפאַרען,
און אַ לאָמפּ וואַרפט אין דעם צימער שאָטענס שוואַרצע ווי אַ מעער,
און מיין זעלע פון די שאָטענס וועלכע שוועבען פינסטער־שווער,
שטייגען וועט שוין קיינמאָל מעהר.....

דאָס איז אַ פרייע איבערזעצונג פון דעם לעצטען פערז פון פאו'ס „ראַב".

און דאָס איז געוועזען דער נשמה־מאָטיוו פון עדגאר עללין פאו. שטענדיג פערפאָלגט פון אַ מורא'דיגען, צאָרנדיגען שיקזאַל, געטריבען פון איין אונגליק צו דעם צווייטען, פערהאַסט און פערפאָלגט פון כמעט אַלעמען, אָרים, קראַנק און צובראָכען, וואַנדערענדיג פון איין שטאָדט

אין צווייטען, אויסגעהענדיג פון הונגער — דאָס איז געווען דער לעבען פון עדגאר עללין פאו.

געבאָרען אין ארמוטה אין באָסטאן, יאַנואר דעם 19טען, 1809 איז ער געשטאָרבען צו זיין פערציג יאָהריגען געבורטסטאג אין 1849. א שרעקליכע, אַ רחמנות'דיגע מלחמה איז זיין פופצעהן יאָהריגע ליטעראַרישע קאַריערע געווען. צעהן דאָללאר האָט דער פערהונגערטער דיכטער בעקומען פאר די קרעפטיגסטע ליעד אין דער אַמעריקאנער ליטעראַטור — די ראַב. און דאָך אין אזא אָרימקייט, אין אזא דחקות האָט ער פון דעסטוועגען געשאַפען אזא וואונדערבארע וועלט, אזא אַטמאָספערע פון מוזיק, שעהנהייט און פארבען.

איינצעלנע זענען געווען די פערעהרער פון עדגאר עללין פאו ביי זיין לעבען, איינצעלנע זענען געווען די מענשען וואָס האָבען קיין שטיין אין זיין קאָפּ ניט געוואָרפען, אָבער יעצט? — אין יוראָפּ ווערט פאו'ס אנדיינקונג זיכער געפייערט ווערען, און, מיט דעם גרעסטען פּראַכט געֿיום־טוב'ט ווערען. אַ נייע וועלט, נייע קינסטלער הערשען יעצט אין דער געוועזענער אַלט־דידאַקטישער וועלט פון פּאָעזי. „קונסט צוליעב קונסט" איז איהר מאָטאָ, און זי וויים און פיהלט און פערשטעהט דעם גרויסען קעמפּפער פאר די קונסט, די אמת'ע קונסט, די שעהנהייט אָהן אַ צוליעב און אָהן אַ פאר וואָס אויסער די שעהנהייט — עדגאר עללין פאו.

ג.

פאו איז דער איינציגער גרויסער דיכטער וועלכען אַמעריקא האָט געהאַט. עס זענען אין אַמעריקא געווען אַנדערע דיכטער ווי לאָנגפעלאָו, ברייענט, וויהיטיער און לאָועל אָבער יענע זענען נור געווען טאלאַנטען. יענע זענען געווען צו נאָהענט צו דער ערד און אין בעסטען פאַל מיט איין פוס אויף דעם הימעל — נור מיט איין פוס. פאו איז אָבער געווען אַ זשעני — דיעזער אונשטערבליכער „עפּעס" וואָס לאָזט זיך ניט דערשטיקען און ברעכט זיך דורך זיין וועג געגען אַלע שטערונגען און צוימען. דיעזער „עפּעס" וואָס קיינער קען ניט ערקלעהרען זיין ריכטיגע בעדייטונג און דאָך מוז יעדער פיהלען זיין הערליכע מאַכט.

קיין סך ליעדער האָט פאו ניט איבערגעלאָזען די וועלט נאָך זיין טויט, אָבער דער ביכעלע ליעדער וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען איז אַ בינטעל בלומען, כישופ'דיגע בלומען, מעגען זיי זיין אפילו שווארצע בלומען.

פאו איז געוועזען אַ טרוימער, אַ טרוימער וועמעס הארץ האָט געבענקט נאָך שעהנקייט, נאָך הימעלישע וועלטען, נאָך פאַנטאַסטישע

ספערען, און א בעל־חלום איז ער געווען צו ער האָט געוואָהנט אין הימעל פון זיין פאַנטאַזיע אָדער אין גיהנום פון זיין אייגענער בע־שאַפונג.

שעהנהייט איז ביי פאו׳ען געווען פּאָעזי און פּאָעזי — שעהנהייט און פּאָעזי איז ביי דעם אונשטערבליכען דיכטער געווען ניט נור א פערגעניגען נור א פּאַסיאָן. ער איז געווען דער ליידענשאַפטליכער ליעבהאָבער פון שעהנהייט.

פאו איז געווען א מייסטער אין זיין פאָרמע. ווי בלומען פריש איז זיין פאָרמע און אין זיינע ליעדער פיהלט זיך עפּעס א מין מאָד־נער קלאַנג, א מין וואַנדערענדע מוזיק.

ד.

פינסטערע, וויסטע מרה־שחורה׳דיגע טהעמען האָט פאו אויסגע־קליעבען פאר זיינע ליעדער. דער גאָט פון גאָלדענעם געזאַנג איז געווען פאו׳ס גאָט, אָבער ניט דער גאָט פון דער גאָלדענער זון. זיין ליעד ליכט איז ניט געווען פון זון־ליכט.

אויף א דונקעלע וועג, אַ פערלאָזענע וועג
פון שווארצע מלאָכים בעוואָהנט,
זיצט דאָרט די נאַכט־געטין וויסט אויף איהר טראָהן
מיט סקאָרפּיאָן־שלאַנגען בעקרוינט....

פאו האָט געוואַנדערט אין פאַנטאַסטישע וועלטען, אין הערליכע הימלען און אומגעקעהרט האָט ער זיך שטענדיג מיט צובלוטיגטע פיס מיט דערנער אין הארץ. ליעבע געמישט מיט טויט, טרעהרען און טומאַנען האָבען גערוהט אין זיין נשמה דער טויט אין יעדער שרעק־ליכער פאָרמע איז שטענדיג די טהעמא פון פאו אין זיינע ליעדער און אין זיינע ערציילונגען.

לייענט מען זיינע ערצעהלונגען קלאַפּט די הארץ שטארקער, ווערט די הארץ געפאַנגען, ווערט דער מוח צוגעצויגען ווי מיט א מאַגנעט. די ערצעהלונג „גארדאן פים" איז פול מיט שווידערענדע בילדער, בילדער אזוי מורא׳דיג, הארץ־גרייפענד, אז א גרויל לויפט אריבער דעם קערפער. די שרעקליכסטע געפיהלען ווערען דאָרט גע־שילדערט. די ערצעהלונג איז א גאַלעריע פון שווידער־בילדער; די גע־פאַנגענשאַפט פון ארטהורען אין שיף קעללער, וואו ער ווערט בע־פאַלען פון א משוגענעם הונט, די אויסשלאַכטונג פון די „רעוואָלו־ציאָנערען" קאַנאַבאַליזם צווישען פריינדע, גיפט, שיף־ברוך און אַלע שרעקעניסען פון די ים־טיפעניש׳ען.

אין בילדער וועלכע ווארפען אן אנגסט אויף דעם לעזער בליקען ארוים מיט זייערע קרומע אויגען פון כמעט יעדער ערצעהלונג וואָס

פאו האָט געשריבען און די פינסטערע מורא אַטהעמט פון יעדער ליניע זיינע, פון יעדער וואָרט.

פאו איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט ערפונדען דעם פּלאַן פון די „דעטעקטיוו־ערצעהלונגען" זיינע ערצעהלונגען פון דעם קריי־מינאַלען פּאַריזער לעבען זענען אַזוי קונציג געמאַהלען, אַז די פראַנ־צויזישע פּאָליציי האָט זיך ניט געקענט אָבוואונדערען פון פאו'ס קלוג־שאַפט, שאַרפזיניגקייט. עס איז ניט איבערטריבען צו זאָגען אַז פיעלע גרויסע דעטעקטיווס האָבען בענוצט די איינפעלע פון פאו'ס פאַנטאַ־זיע־דעטעקטיווס.

דיעזע ערצעהלונגען פאו'ס האָבען געפונען הונדערטער נאָכאהמערס. די וויכטיגסטע פון זיי וועלכע זענען קאָנאַן דאַיל און ווילקי קאָלינס. אָבער אפילו די לעצטע צוויי איז אויך ניט געלונגען צוצוקומען נאָ־הענט צו פאו'ס טאַלאַנט. זיי קענען נאָכמאַכען דעם „סוזשעט". זיי קענען אָבער ניט קינסטלעריש בעאַרבייטען דעם סוזשעט. זייערע ערצעהלונגען זענען אינטערעסאַנט. מען קען זיי אָבער מעהר ווי איין מאָל ניט לייענען. זיי פּערהאַפּען די האַרץ אָבער נור אויף אַ קורצע צייט. זיי לעבען זיך אָבער אין האַרץ ניט איין, זיי פאַנגען ניט די נשמה.

מורא איז אויך דער מאָטיוו פון די מעהרסטע פון זיינע ליעדער. דער שוידער געפיהל אטהעמט ארוים פון דער ראַב, און אין אַנדערע זיינע ליעדער. דער „פערפאָלגטער פּאַלאַץ", איז אַ ליעד וועלכע איז שרעקליך אין איהר שעהנהייט און שעהן אין איהר שרעקליכקייט. עס איז אַ ליעד פון אַ חרוב געוואָרענעם מוח, פון אַ רואינירטען פּאַלאַץ.

פאו איז קיינמאָל ניט געווען ערדיש. ער האָט שטענדיג געלעבט און פאַנטאַזיע לאַנד און זיינע ערצעהלונגען און געדיכטע זענען בע־גאָסען מיט לבנה־שיין און מיט נאַכט־פינסטערניס. זיין גרעסטע קראַפט ווייזט פאו אַרוים ווען ער מאָהלט די טונקעלע, נעבעלדיגע געגענדען וועלכע הייבען זיך אָן ביי דעם סוף פון דאָס מעגליכע און ענדיגען זיך ביי דעם סוף פון דאָס אונמעגליכע און אבערגלויבישע, ווי אין די „הויז פון אשיר" זיין גרעסטע ארטיסטישע ערצעהלונג, זיין ערצעהלונג וואו פאו'ס ראָמאַנטיזם דערגרייכט די העכסטע שטופע.

פאו איז אַ מיסטיק. ער איז אָבער ניט אַ מיסטיק ווי די פראַנ־צויזישע מיסטיקער זענען געוועזען, און ווי פיעלע פון די „מאָדער־ניסטען, ווי פּרץ אין „זיין נאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק" זענען. יענע מיסטיקער האָבען געלעבט און געשוועבט אין געהיימניסע, זייער גאַנ־צע נשמה איז געווען איינגעהילט און איינגעוויקעלט אין דאָס מיס־טעריעזע. זייערע בענקשאַפטען זענען געווען פאַר זיי אַליין אונער־קלעהרליך. זיי האָבען זיך געשפּיעלט אין געהיימניסע און האָבען קיינ־

מאָהל ניט געוואוסט ווען אויפצוהערען, ווייל זיי האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען. אין אַ מיסטיש בעצויבערענדען טאַנץ ארומגענומען פון קבלה — שטימונגען האָט זייער מוח און האַרץ שטענדיג געפּלאַטערט.

ניט אזוי איז אָבער געוועזען עדגאַר עללין פּאָו. פּאָו האָט בענוצט מיסטישע מיטלען אָדער בעסער געזאָגט מיטלען פון מיסטיקער. ער אליין איז אָבער קיין מיסטיקער ניט געוועזען. פּאָו האָט שטענדיג געוואוסט, דאָס וואָס ער וויל שרייבען, וויל זאָגען. פּאָו'ס מוח איז געוועזען אַ קלאָהרער, אַ מערקווירדיג,אַ שניידענד־לאָגישער. ער האָט אַלץ בעטראַכט מיט אַ קלאָהרען אויג, ער האָט אַלעם אנעלעזירט, צושניטען. פּאָו'ס קראַפט בעשטעהט אין דעם וואָס ער בעאיינפלוסט דעם לעזער מיט אַ שאָטען פון געהיימניסע, וועלכען ער וואַרפט אויף איהם ארויף. פּאָו וויים פריהער וואָס ער וויל ארויסברייגגען אין זיינע אַן ערצעהלונג אָדער געדיכט, און כדי צו אַרויסרופען ביי דעם לעזער די געווינשטע עמאַציאָנען און איינדריקע ווענדעט ער אָן אַז יעדע צייַלע, יעדער וואָרט זאָל ציעלען צו דעם צענטער, צו דעם הויפּט געדאַנק אָדער עמאַציאָן וועלכע ער וויל ארויסרופען ביים לעזער. די „מיסטיקער" האָבען זיך געבאָדען אין דעם וואַרים־ליכטיגען ים פון דער טונקעלער מיסטיק. פאַר פּאָו איז אָבער די מיסטיק געוועזען נור אַ מיטעל צו אַ צוועק. פּאָו האָט געזעהן די דינסטע, די עדעלסטע שאַטענס, אַלע זיינע געהיימניספאָלע פיגורען האָט ער פערשטאַנען און פאָרמירט און דאָס האָט איהם געהאָלפען אַז זיינע אונרעאַלסטע בילדער ווערען רעאַל, אַז דאָס אונמעגליכע ווערט מעגליך ניין וואהרשיינליך, אַז אַלעם ווערט אַזוי פּלאַסטיש פערקערפּערט אַז אַפילו דער דונקעלסטער נשמה־נעביל ווערט ווי אַ קלאָהרער בלויער הימעל.

פּאָו איז ניט געוועזען קיין פילאָזאָף, קיין דיינקער. ער האָט ניט געוואָלט פריידיגען קיין אידעען און קיין אידעאַלען. פּאָו אַליין האָט פיעלע מאָהל ערקלעהרט אין זיינע ערצעהלונגען אַז ער וויל ניט אַרויסברייגגען קיין געדאַנקען, ער וויל נור מאָהלען געוויסע עמאַציאָנען, ארויסברייגגען בעשטימטע איינדריקע. פּאָו איז געוועזען אַ טרוימער וועלכער האָט מיט אַ ליכטיגען, קלאָהרען מוח ארומגעשוועבט, „אין דער פלאַמענדיגער שטאָדט געאינזעלט אין פינסטערניש". אין דעםווינט־געבלאָזענעם קעניגרייך פון ים, אין דעם קעניגרייך פון ענעבעלי ביים ברעג פון מעער, אין אַלייען מיט אור־אַלטע בוימער, אין ספערען „ניט היינטיגע און העכער פון רוים". ער איז אַ זשעניאַלער טרוימער וועמעס הויפּט טאַלאַנט איז אין פאַרבען, קלאַנגען און דופטען.

ה.

פאו איז דער אָריגענעלסטער קינסטלער, האָבען מיר אויבען געזאָגט. ער איז אָבער ניט נאָר אָריגינעל אַלס דיכטער. ער איז אויך אָריגינעל אַלס קריטיקער. ער איז דער איינציגער אַמעריקאַנער דיכטער און איינער פון די ווענינע אין דער וועלט ליטעראַטור וועלכער האָט געשריבען אַלץ לויט זיין אייגענע אידעע פון קונסט. יעדע שאַפונג זיינע ענטשפּרעכט דעם גאַנצען אינהאַלט פון דעם קונסט-קריטעריום וואָס ער האָט אויפגעבויט פאַר אַנדערע.

אין וואָס בעשטעהט פאו'ס קונסט-אידעע? מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט אַז איבער אַלעם און אין אַלעם איז פאו געווען אַ ביז צום וואהנזין פערגעטערער פון שעהנהייט.

פאו'ס קונסט-טהעאָריע איז בעשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געגלויבט אַז פון די פערגעניגענס; ווי ליידענשאַפט וועלכע רעגט אויף די הארץ, פון ווארהייט וועלכע בעפרידיזט דעם מוח, דעם אינטעלעקט אָדער פון שעהנהייט וועלכע ערהויבט די נשמה, איז די לעצטע די רייָנסטע, די שטאַרקסטע און די לאַנג דויערענדסטע. דער דיכטער גלויבט אַז אין דעם מענשענס נשמה איז דאָ עטוואָס אונשטערבליכעס — אַ בייַנקענים נאָך שעהנהייט, און דעריבער איז שעהנהייט דער גרעסטער פערגעניגען ווייל עס בעפרידיגט יענעם דורשט נאָך אַ ווילדערע שעהנהייט ווי די ערד קען געבען. אין די שטימונגען וועלכע דער שעהנהייט-געפיהל ווארפט אריין דעם מענשען, פיהלט דער לעצטער אַם דייטליכסטען די אייביגע נאַטור, און ווען זיין גייסט ערוואכט הייבט זיך זיין נשמה דאַן אויף צו די הימלען, ערהייבט זיך צו דאָס געטליכע.

פאו האָט געזאָגט אַז די שעהנהייט פון די נאַטור וועלכע גאָט האָט בעשאַפען, האָט די דאָזיגע מאַכט אָבער דער ציעל פון דעם קינסטלער דאַרף זיין צו נאָכפאָלגען זיין אייגענעם אינסטינקט און שאַפען ווי גאָט האָט געשאַפען אַן אידיאַלע שעהנהייט, וועלכע זאָל זיין אַ נייער, ריינער קוואַל פון גייסטיגער עמאָציאָן.

פאו האָט מיט דעם ניט געמיינט צו זאָגען אַז ליידענשאַפט ווארהייט און מאָראַל זענען ניט קיין טהעמאַן פאַר דעם קינסטלער. פאו האָט נור געמיינט אַז דיעזע טהעמען דאַרפען נור בענוצט ווערען צו מאַכען שטאַרקער דעם עפעקט פון שעהנהייט. זיי דאַרפען נור בענוצט ווערען פון דעם גרויסען קינסטלער, וועלכער זאָל זיי אַזוי טאַקטפאָל געברויכען, אַז זיי זאָלען ניט נור ניט שטערען דעם סענטימענט פון שעהנהייט, נור פערקעהרט איהם דערוואַרימען און ליבטיגער מאַכען.

נאָך א וויכטיגער פונקט פון פאו'ס טהעאָריע פון פּאָעזי איז אז געדיכט טאָהר ניט זיין לאַנג. יעדער געדיכט נאָך זיין מיינונג דאַרף נור צילען צו איין ארטיסטישען עפעקט. יעדע געדיכט זאָל מען קענען דורכלעזען אויף איין זיצונג און אויסער דעם דאַרף די געדיכט אָדער ער־צעהלונג זיך אויסצייכענען אין עטוואָס זאָנדערבארעס, עטוואָס אַנ־דעריש ווי דאָס געוועהנליכע, סיי אין דער פאָרמע און סיי אין אינ־האַלט. זיין דעפּעניציאָן פון פּאָעזי איז, די ריטהמישע בעשאַפונג פון שעהנהייט.

פאו האָט אויך געדיינקט אז דער גרויסער קינסטלער איז נור דער וועלכער קען אנאַלאזירען די געוויסע עלעמענטען וועלכע ברענגען איהם אריין, ערהויבען איהם צו א פּאָעטישען־הויך. וויסענדיג ווי אזוי דיעזע שטימונגען ווערען פעראורזאכט, האָט פאו געגלויבט קען דער קינסטלער אזוי אויפקלייבען און צונויפשטעלען דיעזע עלעמענ־טען, אז ער זאָל אַנדערע קענען אריינברייננגען אין דער זעלבער שטי־מונג, אין דער זעלבער פּאָעטישער הויכקייט, אין דעם זעלבען הימעל־פּאַלאַץ אין וועלכען ער איז געווען און געפיהלט. דער דיכטער וועלכער פיהלט אָבער נור א געוויסע שטימונג און קען די עלעמענטען וועלכע פעראורזאכען דיעזע שטימונג, ניט אנאַליזירען, דער קען ניט זיין דער גרויסער קינסטלער. דער לעצטער האָט דעם פּאָעטישען טעמפּעראַ־מענט אויך די אַנאַליטישע מאכט וועלכע איז לויט זיין מיינונג פון מענט אויף די אנאַליטישע מאכט וועלכע איז לויט זיין מיינונג פון דער העכסטער וויכטיגקייט, כדי צו שאַפען א זאַך פון קונסט. דער לעצטער, איז דאָס בעשאַפענע פון דעם רוח הקודש, דער צווייטער אָבער איז דער מייסטער פון זיין רוח הקודש.

דאָס איז אין קורצען געוועזן די קונסט — טהעאָרי פון עדגאַר עללין פּאו, און צו אין גאַנצען ריכטיג אָדער ניט ריכטיג, ער אַלענפאַלס איז געווען קאָנסעקוועגט. ער האָט זיין קונסט־טהעאָרי דורכגעפיהרט ביז צו דעם עקסטרים.

ו.

עס זענען דאָ קריטיקער אויף דער וועלט און איבערהויפּט אין אַמעריקא וועלכע טרעטען ארויס געגען פאו דערפאר וואָס דעם לעצ־טענס פּאָעזי פּרעדיגט ניט קיינע מאָראַלען, טראָגט ניט קיינע אידעען און וועגט זיך ניט איבער מיט פילאָזאָפישע גריבלערייען.

עס זענען אויך דאָ אַנדערע קריטיקער וועלכע טענה'ן אז פאו'ס טאַלאַנט איז ניט קיין סטיכישער, אז זיין פּאָעזי איז קיינמאָל ניט „מאָמענטאַל שפּראָצענד“, אז זיי פעהלט די נייעוויטעט פון דעם אמת'ן דיכטער, אז זיי זענען שטענדיג געקינצעלט.

און די קריטיקער זענען גערעכט. זייער קריטיק איז אָבער קיין קריטיק ניט. עס איז נור אַ שילדערונג פון פּאָו'ס טאַלאַנט. דאָס וואָס זיי זאָגען אויף פּאָו האָט פּאָו אויף זיך אַליין געזאָגט, דאָס וואָס זיי גיבען אָן אַלס פעהלערען האָט פּאָו געהאַלטען אַלס די גרעסטע מעלות, דאָס פאַר וואָס זיי אַטאַקירען איהם האָט פּאָו געמאַכט פאַר זיין קונסט־טהעאָרי.

פּאָו האָט געהאַסט די דידאַקטישע פּאָעטען, די פּאָעטען וואָס קו־מען מיט אַ זאָגענאַנטען „מעסעדזש" צו דער וועלט, מיט אַ ביבעל אין איין האַנד און אַ מזוזה אין דער צווייטער. פּאָו האָט שניידענד אַטאַקיערט לאָנגפעלאָו, פערלאַכט וואָרדס וואָירטהען און די גאַנצע בעריהמטע „לייק שוהלע" אין דער ענגלישער פּאָעזי, דערפאַר וואָס זייער פּאָעזי איז געוועזען דידאַקטיש.

ביי פּאָו איז פּאָעזי געוועזען נור שעהנהייט און שעהנהייט איז ביי איהם געוועזען הייליג. פּאָעזי איז ביי איהם געוועזען אַ רעליגיאָן און ער איז געוועזען דער כהן גדול און מיט פייערדיגע בייטשען האָט ער יעדען געשניטען, ווער עס האָט די שעהנהייט פערשוועכט.

פּאָו איז געוועזען אַ קינצלער, און זיין געזאַנג איז ניט געקומען פון די טיעפע הארצענס־קוואַלען זאָגען זיי. אויב אַפילו דיזע בעהויפּטונגען זאָלען זיין אמת, דאַן מוז מען זאָגען אַז פּאָו מאַכט אַלעם אַזוי קונציג אַז עס ווערט קונסט. מיר אָבער גלויבען ניט אין דעם. מיר גלויבען אַפילו פּאָו אַליין אויך ניט. פּאָו דערצעהלט אונז ווי ער האָט קונציג געפּלאַנט דעם בנין פון זיין בעריהמטע געדיכט די „ראַב", אַזוי ווי אַן ארכיטעקטאָר אַ הויז. ער דערצעהלט אונז אָבער ניט וואו ער האָט גענומען דעם פייער, די ליידענשאַפט, די אוננאַטירליכע קראַפט פון דעם ליעד.

עס קען זיין אַז די ווערטער בעזונדער זיינען קאַלט אָבער די מע־לאַנכאָליע איז אַ וואַרעמע דער וועהטאָג וועלכער שרייט אַרויס פון זיי איז אַ ריהרענדער אַ האַרץ־גרייפענדער

מיר גלויבען אַז פּאָו אַליין האָט ניט געוואוסט פון זיין אייגענעם בעהאַלטענעם פייער, און ער האָט דעריבער געמיינט אַז זיין „ראַב" איז בעשאַפען געוואָרען נור דורך זיין מוח־אַרבייט. נור איין פּאָו האָט אָבער ביז יעצט געשאַפען אַזאַ געדיכט ווי די „ראַב" אין דער וועלט ליטעראַטור.

פּאָו'ס געדיכטע האָבען אַ מערקווירדיגע מוזיק אין זיך, און דאָס איז אפשר די גרעסטע מעלה זייערע: ניט נור איז יעדער ציילע, יעדער פערז אין זיינע ליעדער מיוזיקאַליש, נור יעדער וואָרט בעזונ־דער קלינגט ווי אַ שעהנער טאָן. פּאָו'ס „גלאָקען" איז דער בעסטער ביישפּיעל פון די בעאיינפלוסענדע מאַכט פון דעמעכא פון קלאַנג צו

דעם פערשטאַנד. די וואונדערליך איינפאַכע באַלאַדע „ענעביל לי" וועלכע איז נאָך אונזער מיינונג איינע פון די שעהנסטע באַלאַדען אין דער וועלט ליטעראַטור, איז פול מיט ווינטלאַך פון מוזיק, מיט זעפירס פון קלאַנגען.

נור זיינע בעסטע, זיינע בעצויבערענדסטע מוזיקאַלישע ליעדער זענען „די שטאָדט ביים ים" „דער פערפאַלגטער פּאַלאַץ" און אין דער ליעד „צו העלען".

פאו האָט געהאַט אַ גוואַלדיגען איינפלוס אויף די וועלט לי־טעראַטור. קיין אַמעריקאַנער שרייבער איז ניט אַזוי בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט ווי פאו. פון טעניסאָן ביז דעם מאָדערנסטע פון די מאָדערנע, האָט יעדער דיכטער נאָכגענאַהמט די פערזען־מוזיק פון פאו.

דער ערשטער וועלכער האָט בעקאַנט געמאַכט פאו אין יוראָפּ איז געווען דער פאָטער פון דער דעקאַדענטיש־סימבאָלישער שוהלע שאַרל באָדלער. ער האָט פאו'ס ליעדער און ערצעהלונגען איבערזעצט. ער האָט וועגען פאו געלעקטשורט און דעבאַטירט און אין דער צייט ווען אין אַמעריקא איז פאו נאָך געווען כמעט אונבעוואוסט און פון דיעזע פערהאַסט האָט שוין גאַנץ פראַנקרייך געקלונגען מיט זיין נאָמען, האָבען שוין פיעלע קינסטלער די „יונגע" איהם פערגעטערט.

אויף באָדלערען אַליין האָט אויך פאו געהאַט אַן איינפלוס. ווער עס האָט געלייענט באָדלערס „בלומען פון שלעכטעס" קען דאָרט זעהן סיי אין פיגורען, סיי אין ליעדער־בוי, די בעאיינפלוסונג פון פאו.

דער צאַרטער פראַנצויזישער סימבאָליסט ווערלען האָט פערפאַסט אַ זעהר שעהנע שטימונגספאָלע ליעד אויף דעם איינדרוק פון דעם וואָרט „נעווערמאָר" וועלכער קלינגט ווי אַ לויה גלאָק אין פאו'ס געדיכט „די ראַב".

פאו איז געווען אַ „דעקאַדענט" אָבער אַ „דעקאַדענט" אין גע־מיטה. זיינע ווערק זענען אָבער ריין, הימליש ריין. קיינע סעקסועלע געפיהלען, אין וואָס די מאָדערנע צייכענען זיך איבערהויפּט אויס, האָט פאו ניט געמאָהלען. איבער זיינע ווערק שוועבט די נאַאיוויטעט פון אַ קינד.

ז.

פינסטער, טרויעריג איז געווען פאו'ס לעבען, פון אַלעמען פער־לאַכט, פערפאָלגט. אַ פיהלענדע נשמה געשניטען פון שלעכטע ווינטען, אַ שטאָלצער גייסט געטריבען צו זיין איינענע איינזאַמקייט. דאָך ווי זאָגט ערגעץ וואו קאַרלייל! „די געשיכטע פון אַ זשעני האָט זיינע ליכטיגע ווי זיינע פינסטערע זייטען". די ליכטיגע זייט פון פאו'ס לעבען זענען געווען — די פרויען.

פרויען האָבען פאו׳ן געליעבט און פערגעטערט. זיי זענען געווען די איינציגע וועלכע האָבען איהם פערשטאַנען און מיט איהם מיט־געפיהלט. פאו האָט פערגעטערט די שעהנהייט, און געגלויבט אַז פון אַלע שעהנהייטען איז די פרוי די שעהנסטע שעהנהייט. ער איז געווען דער סענטימענט פון די גריכישע פערגעטערונג פון אידעאַלע שעהנ־הייט.

און אין פאו׳ס ליעדער פיהלט זיך אַ געטליכע ליעבע, אַ געטליכער טרויער פאַר די געליעבטע — די פרויען. „די ראַב“ איז אַ הספד, דער שטאַרקסטער הספד וואָס איז ווען געשריעבען געוואָרען אויף איינע וועלכע איז געשטאָרבען, אָבער וועלכע ער האָט אונשטערבליך גע־מאַכט מיט זיין ליעד. און די געדיכטע „צו העלען“, „די שלאָפענדע“ און „לינאר“ זענען ליעדער אויף געליעבטע וועלכע האָבען איהם ביז זייער טויט ניט פערלאָזען.

די פרויען זיי זענען געווען די איינציגע שטראַהלען אין דער פינס־טערער נאַכט פון פאו׳ס לעבען, אין דעם „נאַכט־שווארצען תהום“ פון דער וועלט.

אַ ראַב־געשריי, אַ שווארצער וועה,
האָט אין זיין הארץ געוואָהנט,
אַ געטטער־זעעל, אַ צויבער־קעהל,
אַ הימעל־מעלאָדיען־קוועל,
האָט רייך זיין וועה בעשעהנט.....
אַ קראַנץ פון פייער־סטרונעס האָט
זיין דערנער־קאָפּ בעקריינט.....

זיין מוח איז געווען בעלעבט,
בעוועבט מיט געטער־שיין,
ער איז געווען דער געטער־קרעכץ
פון שיינהייט און פון פיין!.....
ריין ווי שנעה אויף אַלפען־בערג,
צאַרט ווי אונשולד׳ס־טרעהר,
פרעכטיג־ווילד, אַ שטורעם־בילד,—
ער לעבט שוין יעצט ניט מעהר.....
דאָך זיין געזאַנג, זיין צויבער־קלאַנג,
דאס טראָצט אפילו גאָט;
פיעל מעכטיגער ווי אלהים,
איז דער געזאַנגען־גאָט!.....